STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00194

LIDER FUN GAN EYDN, 1932-1936

H. Leivick

Permanent preservation of this book was made possible by
Lillian & Victor Gross
in memory of
parents, Samuel & Bessie Swedler

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ה. לייוויק

לידער פון גן עדן

1932-1936

פארלאג צעשינסקי
שיקאגא

פאַרלאַג מ. צעשינסקי
שיקאַגאָ . . . 1937
געדרוקט אין
טויזנט עקזעמפּלאַרן
פאָדערבלאַט געצייכנט
פון טאָדרעס געלער

LIEDER FUN GAN-EDEN

COPYRIGHT 1937, BY
H. LEIVICK, NEW YORK, N. Y.
PRINTED IN U. S. A.

M. CESHINSKY, PUBLISHER
2720 West Division Street
Chicago - - - - Illinois

לידער
פון
גן-עדן

(ניו־יארק—רעגוועד־סאנאטאריום)

געזעצט און געדרוקט אין דער
„גלאָבוס” דרוקעריי — 1744
נ. דיימען עוו., שיקאגאָ,— אין
דעם יאָר נײַנצן הונדערט
דרייסיק זיבן — — תרצ״ז.

566

עפן זיך, טויער

עפן זיך, טויער,
נענטער זיך, שוועל, —
איך קום צו דיר ווידער,
צימערל־צעל.

מיין לייב — פייער,
מיין קאפ — שניי;
און אויף מיינע אקסלען
א זאק מיט געשריי.

אפשייד. אפשייד.
אויגן. הענט.
אדיע אויף די ליפן
דערברענט — פארברענט.

מיט וועמען צעשיידט זיך?
פון וועמען אוועק? —
דאס אייביקע פרעגן
דאס מאל ניט פרעג.

אין פייער, אין פלאקער
ארומיקער סטעפ,
און שניי אינעם פלאקער
אויף בערגיקע קעפ.

זע, ס'איז שוין אָפן
טויער און טיר; —
שפּיטאָל? אפשר תפיסה?
צי גאָר מאָנאַסטיר?

איך ליג, צו די פיס דיר
מיין זאַק מיט געשריי,
לאַנד קאָלאָראַדאָ,
פון פייער און שניי.

אין דרעמל

אין דרעמל גראָז און בלום,
דער אוונט נעמט זיך שיידן;
מיר גייען שטיל אַרום,
ווי צדיקים אין גן־עדן.

איין שנירעלע פון בלוט
טוט אַלעמען פאַרקניפּן;
די ווייסע חכמה רוט
אויף אַלע אונדזערע ליפּן.

פון ערגעץ קומט אַ ווינט
מיט שטורעם־טריט צושפּאַנען,
דערמאָנט אונדז און פאַרבינדט
מיט וועלטן נים פון דאַנען.

ליב—לעב—לאַנג —
געזאַנג אַזאַ פון וועלטן;
מיר נעמען מיט ס'געזאַנג
אין צעלן און געצעלטן.

די נאַכט אין ווייסער העמד
שטייט פיבערדיק צוקאָפּן,
און שפּריצט אויף דיל און ווענט
געווירצטע שלאָף־טרונק טראָפּן.

וואו ביסטו?

לבנה־געזיכטער,
פאר׳כשופ׳טע הייזער,
באלקאנען און ליכטער,
און לאנגזאמע ווייזער.

און בעמן, ווי טראגנען
אויף הויכע געשטעלן,
און מילך פון לבנה,
פון שויב ביז די שוועלן.

און הינטער די טירן,
צעוואקסענע גיטער,
און טליאדן, וואס פירן
צום מעסער פון שניטער.

און עפל, און בארן,
און גרילן, און גארבן, —
און — קלונג פון געפארן,
און — שמייכל פון שטארבן.

און פינגער אויף ברעמען,
און ליפן אין פליסטער:
— בין גריים, קום מיך נעמען,
— וואו ביסטו, וואו ביסטו?

די הייליקע סעודה

איך האָב רחמנות היינט אויף מיינע אייגענע גלידער,
אויף דעם אָנשפּאַר פון קאָפּ אָן דעם ווענטל פון בעט;
איך האָב געהערט מיין שכן היינט זאָגן ווידוי,
און דערנאָך אים געזען אויף דער טהרה־ברעט.

דערנאָך — — ניט פאַרפעלט די מאָלצייט־שעה׳ן,
ניט פאַרזאַמט אויף אַ רגע דעם גלאָקן־רוף;
ביי ליידיקע טישן אַלע גלידער וואַיען,
ביי טישן געגרייטע טאַנצן זיי אויף.

דעם קרוג געהייבן, דאָס ברויט געבראָכן,
דער גומען גלוסט, עס קוועלט דער צאָן;
וואָס שווייגסטו, שכן? לחיים, שכן, —
די הייליקע סעודה גייט אָן, גייט אָן.

ווידער געשטאָרבן אַ שכן

פּשוט׳ע, נאַקעטע רייד.
די וועלט איז אין ווינטער פאַרקראָכן:
מיך שרעקט ניט מיין אייגענער טויט, —
איך האָב מורא פאַר דעם טויט פון מיין שכן.

איך פאַרנעם זיך מיט אַלץ וואָס איך קען,
אפילו מיט צוטראַכטן גראַמען;
איך פרעג אָט אַזוי ביי מיין פען —
צי ווייס זי פון וואַנען מיר שטאַמען?

צי ווייס זי וואָס מיינט אין שפּיטאָל
אַ שכן וואָס גייט אויס דאָ־נעבן?
צי איז ניט דאָס שטאַרבן, צומאָל,
אַ טראַט צו אַ נייערן לעבן? —

עס האָט ניט קיין ענטפער מיין פען, —
פון וואַנען גאָר זאָל זי עס האָבן? —
דערווייליע — ביז וואַנען—וואָס—ווען — — —
מען טראָגט שוין מיין שכן באַגראָבן.

מען טראָגט אים אויף יענער זייט שוועל,
און ווי נאָר אַריבער — פאַרשוואונדן,
ס׳איז דאָ אין שפּיטאָל אַ טונעל
מיט דעם טהרה־שטיבל פאַרבונדן.

צום שטיבל, דורך שוואַרצן טונעל,
דורך שמאָלע, דורך טיפע זיגזאַגן,
מען פירט אים אויף רעדלעך שנעל־שנעל,
נאָך שנעלער ווי איך פרעג מײַנע פראַגן.

דערווײַלע — ביז וואַנען — וואָס — ווען —
מײַן שכן ער איז שוין אין שטיבל;
און איך שרײַב נאָך אַלץ מיט מײַן פען,
גראָם שטיבל — פאַריבל — מיט איבל.

באַגינען. די וועלט איז פאַרשנייט.
די וועלט איז אין ווינטער פאַרקראָכן;
מיך שרעקט נישט מײַן אייגענער טויט,
נאָר די ל י י ד י ק ע בעט פון מײַן שכן.

דאַרווין

איך לייען דאַרווינען — דאָס בוך פון אונדזער שטאַם,
און אַרום מיר און איבער מיר דער ריח פון קאַרבאָל,
טערמאָמעטערס, און מילך ,און יאָדע־סם —
און אַזויפיל שטילקייט אָנגעזאַמלט פאַר איין מאָל.

ניט נויטיק מער קיין איינצלהייטן, מער קיין שטריך,
מען דאַרף ניט קיין פאַרוואונדערונג, און אויך קיין שרעק ;
אַט נעם איך און איך גיי אַוועק אַליין פון זיך,
און וועל נאָך ווייטער און נאָך ווייטערער אַוועק.

דער גוטער זיידע דאַרווין האָט מיר אָנגעבראַכט
מתנות — וואונדער — אין אַ פולן זאַק ;
דער טאָג פאַרגייט, דער אָוונט קומט, די נאַכט —
און אַט מיין אור־פאָטער מיט לאַפעס גלעט מיין באַק.

אַזוינע ליבע נעגל דיינע, פאָטער מיין,
אַזאַ געקרייזלטע רויט־פייערדיקע פעל ;
אַ, נעם מיך אין דיין אָרעם שטאַרק אַריין,
און ברענג אַהיים מיך צו דיין נאָרע, צו דיין שוועל.

אַ, אור־פאָטער דו מיין, אוראַנגוטאַנג,
פאַרבלאָנדזשעט האָב איך אין אַ פרעמדן קאַנט.
איצט צי איך פון מיין האַרץ אַרויס אַזאַ געזאַנג,
אַזאַ געיאָמער־בענקשאַפט נאָך מיין דזשאַנגל־לאַנד.

די ווייטע, זיסע, קינדערישע טעג —
דער טאַטע פֿלעגט אַרומטאַנצן אויף גרויסע פֿיס,
און הוידען זיך אויף העכסטע ביימער, אויף זיין עק,
און אַנוואַרפֿן פֿאַר אונדזערטוועגן בערג מיט ניס.

פֿאַר אונדז — די קליינע אַפּעלעך. און איך —
דאָס עלטסטע אַפּל בין געווען — דער בכור,—
פֿלעג ווייזן קונצן, ווי איך שפּרינג און קריך,
און ווי איך פּליק פֿון זיך אַליין פֿולע זשמעניעס האָר.

און ווי איך גיב אַן אומגעריכטן פֿלינקן שפּרונג,
און אָט בין איך שוין מיטן טאַטן אין דער הויך,
און גלייך צוריק אַ הוידע זיך, אַ שוואונג,
און פֿאַל אַראָפּ אויף מאַמעס ווייכן בויך.

דער מאַמעס ווייכער בויך — ווי וואַרעם־זיס,
ווי נאָר דו רירסט זיך צו — מיט שטראָמען פֿליסט,
די מאַמע גיט פֿון ליבשאַפֿט אַזש אַ ביס,
און טוליעט טיפֿער־טיפֿער מיך צו אירע בריסט.

איך גורע זיך, און אַלץ ווערט שטיל, ווערט שטיל,
די אויגן טאַנצן, פֿינטלען צו דער זון;
איך טראָג אַ פֿרייד, וואָס איך אַליין נאָר פֿיל, —
די קליינע ברידערלעך נאָך ווייסן ניט דערפֿון.

אַ דאַנק דיר, גוטער דאַרווין, פֿאַר דעם גרוס
פֿון אָפּשטאַם מיינעם אונטער פּאַלמע־בוים,
אַ דאַנק פֿאַר דער באַנאַנע און דעם קאָקאָ־נוס —
די טייערע מתנה פֿון מיין דזשאָנגל־היים.

דו ווייסט דעם וועג פון דזשאַנגל־היים אַהער, —
דו קוקסט אויף מיר מיט וואונדער אין דיין בליק ;
צי ווייסטו אפשר אויך, אַ, ליבער, גוטער סער,
דעם וועג, וואָס פירט צום דזשאַנגל אויף צוריק ?—

איך וויל ניט זיין דאָ וואו איך בין. — ס׳געפעלט מיר ניט ;
און דער, וואָס איך בין איצט — ער ווערט מיר פרעמד ;
און וויפל איז דער שיעור צו גיין אין העלע טריט,
און טראָגן אויף אַ ווייסן לייב אַ בלוטיק העמד ?

אַ, קום מיט דיינע האָריקע מיט לאַפּעס־הענט,
אַ, פאָטער, מיט דיין גבורה׳דיקן דזשאַנגל־גאַנג,
און נעם אוועק מיך פון אַ וועלט פון טרעפ און ווענט, —
כ׳וויל זיין צוריק דיין זון — אוראַנגוטאַנג.

ראָקי בערג

העכער, ראָקים, די ווייסע קעפּ — העכער !
שניי — די נשמה פון דער וועלט — רוט אויף אייערע קעפּ ;
ווינטן מיט צעשטורעמטע, צעדרייטע פּעכער
טאַנצן אייך צופוסנס אויף דער אוונט-סטעפּ.

איך בין אויך אין שניי, און אויך אין שטורעם,
כאָטש איך ליג ווי אַ געשמידטער אויף אַ בעט ;
איך בין אַלץ נאָך הונגעריק נאָך ליבשאַפט און יסורים : —
נאָך — נאָך — נאָך — — אזוי איז מיין געבעט.

איז דאָך מאָדנע און איך וואונדערלעך צו קוקן,
ווי אַ גוף אין שטורעם שטורעמט מיט ;
דאָ — דער קאָפּ, ער האַלט זיך אין איין בוקן,
דאָ — די פיס פאַרטיליקן די אייגענע טריט.

און די פינגער, ווי זיי וואָלטן פורעמען אַ פורעם,
מאַכן גאַנץ איַעדן ריס און איבעררייס ;
אַלץ ווערט א י י נ ס : סטעפּ און באַרג, מענטש און שטורעם,
אַלץ איז ווייס — ווייס — ווייס — ווייס.

גוט וואָס קיינער ווייס ניט וואו

ניט איינמאָל וועגן טויט צו דיר געשריבן,
ניט איינמאָל זיך אַליין צום טויט געקליבן,
ווי אַלץ וואָלט גרייט זיין פאַר דער לעצטע רו;
איצט דאַרף מען ניט די ווערטער ווידערהאָלן,
עס שטייט און גליווערט ערגעץ אַזאַ וואָג מיט שאָלן,
און גוט וואָס קיינער ווייס ניט וואו.

איך רוף צו דיר אַזוי ווי פון אַ קעלער:
וואו ביסטו? — דו און אַלע, שנעלער, שנעלער;
עס הילכן טריט, נאָר קיינער קומט ניט צו;
אַ שטייפער קערפּער, ווי פון שטאָל געקנאָטן
ליגט איינגעדעקט אין בלויען אוונט-שאָטן, —
און גוט וואָס קיינער ווייס ניט וואו.

אויף אַלע וועגן — טריט, ווי אַקער-שפּורן,
און רויטע, וואָרעמע נאָך, שלענגל-שנורן,
און פרישע עכאָס קלינגען נאָך: דו — דו;
די נאַכט קומט אָן די עכאָס איינצושלינגען,
די נאַכט הייבט אָן מיט גלעקער ערגעץ קלינגען, —
און גוט וואָס קיינער ווייס ניט וואו.

און מער נאָך ווי די קולות, ברענגט דאָס שטומען
אַ דוכטעניש-געשטאַלט, וואָס האַלט אין קומען,
און מיטאַמאָל, אַ בשורה: — דאָס ביסטו;
אוים שרעק, אוים טויט, — איך נעם דיר גיין אַנטקעגן,
איך וואַרף, איך זיי מיין גוף אויף אַלע וועגן, —
און גוט וואָס קיינער ווייס ניט וואו.

הימנע

פלייש און זופּ אין טעלער,
גאָפּל־מעסער־קלונג ;
עסט אויף שנעל, אויף שנעלער,
זינגט דאָס ליד פון שלונג.

לעמאָס, פּאָמידאָרן
ווייַנען פול מיט זאַפט ;
אין איין זאַנג פון קאָרן
ליגט אַ יאָר מיט קראַפט.

קוכער, גיס אין שיסל,
נאָכדעם ווייטער קאָך ; —
ביסל, נאָך אַביסל,
און אַביסל נאָך.

זעכציק בהמות טראָגן
פולע אייטערס מילך, —
מעלקערס, מעלקט — זאָל שלאָגן
ווייסער שוים־געהילך.

ברענגט אונדז מילך אין עמער,
גיסט אַן קרוג נאָך קרוג,
גוף טוט אַלץ פאַרנעמען,
ווייס ניט פון גענוג.

ברויט און טויט־געוויסן
האַלט אונדז אין איין קנופּ, —
זינגט אַ לויב צום ביסן,
זינגט אַ לויב צו זופּ.

אײביק

די װעלט נעמט מיך אַרום מיט שטעכיקע הענט,
און טראָגט מיך צום פײער, און טראָגט מיך צום שײטער ;
איך ברען און איך ברען און איך װער ניט פאַרבּרענט, —
איך הײב זיך אויף װידער און שפּאַן אװעק װײטער.

איך שפּאַן דורך פאַבּריקן און פאַל אונטער ראָד,
איך רײם אויף די דאַמפּן מיט קראַפט מיט באַנײטער,
איך לײג זיך אַװעק, װי אַ נײער יסוד, —
איך הײב זיך אויף װידער און שפּאַן אַװעק װײטער.

אַמ שפּאַן איך זיך אײן אין געשפּאַן פון אַ פערד,
און איבּער מיר בײטשט אַ צע׳כעס׳טער רײטער ;
װי אַן אַקער אַ שאַרפער איך גראָב דורך די ערד, —
איך הײב זיך אויף װידער און שפּאַן אַװעק װײטער.

איך זײ מײנע לידער, װי קערנער מען זײט,
זײ שפּראָצן, זײ װאַקסן, װי זאַנגען און קרײטער ;
און איך אַלײן ליג װי אַ דאָרן פאַרדרײט, —
איך הײב זיך אויף װידער און שפּאַן אַװעק װײטער.

איך װאױן אין אַ תּפיסה. איך רײם אויף די צעל,
עס טרעט איבער מיר צו זײן גליק דער באַפרײטער,
און מיך לאָזט ער ליגן צעבלוטיקט בײם שװעל, —
איך הײב זיך אויף װידער און שפּאַן אַװעק װײטער.

אין בלוט מײנע קלײדער, — די פיס קױם איך שלעפּ,
איך קום מיט אַ ליבשאַפט פון לעצטן געלײטער ;
איך קום צו אַ שטיבל, איך פאַל אויף די טרעפּ, — — — —
איך הײב זיך אויף װידער און שפּאַן אַװעק װײטער.

מיין וויג-ליד

יעדער זינגט זיין וויג-ליד
ביז אין סוף אריין;
זינג איך אויך מיין וויג-ליד —
שלאף, נשמה מיין.

פלעטער האבן שטאמען,
ווארצלען זיך אריין;
יעדער האט א מאמען —
שלאף, מיין לעבן, איין.

ווייטע טעג געגענען,
ווייסע ווינטער-טעג;
מיינע טריט דערקען איך
אויפן ווייסן וועג.

מאמע הייצט אן אויוון
אין א ווינטער-לאנד,
קנעט א טייג אויף הייוון —
מולטער פול ביז ראנד.

מאמע וועלגערט בייגל,
ווארפט זיי אין א טאפ,
ביז דאס לעצטע טייגל
גייט פון ברעט אראפ.

מאַמע האָט אַ קרעמל
אויפן אַלטן מאַרק,
בייגל, ברויט און זעמל
שלעפט זי אויף איר קאַרק.

יעדער זינגט זיין וויג־ליד
ביז אין סוף אריין;
זינג איך אויך מיין וויג־ליד —
שלאָף, מיין לעבן, איין.

מאַמע וויינט מיט טרערן
אין אַ שטומען קלאָג —
אויף איר יונגן שטערן
הענגט שוין גרויע אַ לאָק.

מאַמע בייסט די ליפּן
און פאַלט צו צום שוועל,
און נעמט ווייטער זיפּן
פולע זעק מיט מעל.

מאַמע ווערט אַ ווייסע,
קלייד אירס — זאַק פון זעק,
בלוט אויף ליפּ, פון בייסן,
ווערט איך וויים פאַרדעקט.

דריי זיך, חלום־שטעטל,
אין דעם כסלו־ווינט;
אין אַ הענגער־בעטל
וואַרפט זיך מאַמעס קינד.

מאמע ציט דאָס שטריקל,
וויגט און שטילט עס איין.
מאמע דרייט אַ וויקל —
שלאָף, נשמה מיין.

מאמע איז אַ וואנדלער
איבער וועגן וויסט,
ראָזשינקעס מיט מאנדלען
זוכט ער אויפן מיסט.

ראָזשינקעס געפינען
איז אים ניט באַשערט,
מיט געריידטן זינען
פאַלט ער צו דער ערד.

מאַמע ליגט אויף דערנער,
שפרינגט אויף אין גאַלאָפּ —
פייערדיקע הערנער
שפּאַרן אים פון קאָפּ.

פלוצלונג נעמט ער רייטן
אויף אַ ווילדן באָק,
שלאָגט אים אין די זייטן
מיט אַ דאָרן־שטאָק.

טראָגט דער ווילדער באָק אים,
ווי אַן אָדלער גרינג,
גרענעץ פון מרחקים
שלינגט ער שלינג נאָך שלינג.

און אין מיטן איילן,
זע — געגנאַרעריי;
סוף צו אַלע מיילן,
און דער טאָג פאַרביי.

טאַטע ליגט אָן אָטעם
אין אַ לעצטן שיין,
און פאַרגייט אין שאָטן — —
שלאָף, מיין לעבן, איין.

איבער שטוב צעשפּרייט זיך
אומטיקער וואָן,
אויפן שוועל באַווייזט זיך
בעטלער אָרעמאַן.

טאַנצט ער צו צום אויוון,
רוקט דעם קאָפּ אַריין,
אַזאַ בייגל־מבין
קאָן נאָך ווער דען זיין?

כאַפּט ער און פאַרשלינגט ער
אַלץ מיט איין געשלונג,
און דערנאָך פאַרטרינקט ער
קאָכעדיקן טרונק.

און אַ פלי אין קוימען
מיטן גאַנצן גוף,
בלייבט אַזוי אין קוימען
הענגען פּיס אַרויף.

וואָס די ליפּן שטאַמלען,
זאָל עס אמת זיין?
נאָכט לעשט אויס די פלאַמען —
שלאָף, נשמה מיין.

אויף די ווייסע וועגן —
שפּור פון לעבן מיין
ליגט נאָך ווי געלעגן —
שלאָף, מיין לעבן, איין.

בעטלער איז נאָך בעטלער,
בלינדער איז נאָך בלינד,
הין און הער אַ פעטליע
וויגט נאָך אום דער ווינט.

יורש פונעם וואַנדלער,
האַרץ דיינס גיב אַ רים:
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען
וויינען מער ניט זיס.

אַי-לע-ליו-ליו — ביטער,
אַי-לע-ליו-ליו — סם,
צווייגן — מיינע לידער —
ציען זיך צום שטאַם.

איבער אַלע מיילער
רינט מיין בלוט ווי וויין;
אַי-לע-ליו-ליו, אַי-לע,
שלאָף, מיין לעבן, איין.

לידער פון אבעלאַר צו העלואיז

I

זיי געגריסט

זיי געגריסט, זיי געגריסט
אין דער וועלט וואו דו ביסט,
העלואיז, העלואיז —
העלואיז.

כ׳האָב געזינדיקט צו דיר
מיט מיין קער, מיט מיין ריר,
מיט מיין קלאַפּ אין דיין טיר —
העלואיז.

ווייל מיין קלאַפּ האָט באַשווערט:
איך בין דיינער — באַשערט, —
צו דיר אייביק געהערט,
העלואיז.

מיט מיין שוואונג פון געדאַנק,
מיט מיין וואַנדער־געזאַנג:
צו דעם ליכטיקן קלאַנג:
העלואיז.

אַריסטאָטלשער שוואונג,
און געבענטשטקייט פֿון צונג, —
ווייל דיין לעבן איז יונג, —
העלואיז.

ווייל דיין לעבן איז גרייט
זיין געהייליקטערהייט
אי געליבט, אי צעשיידט, —
העלואיז.

אָבער גליק אויף דער ערד
ווערט פֿון נאָנטסטע צעשטערט,
ווייל די וועלט זעט פֿאַרקערט, —
העלואיז.

און די וועלט — גיפֿט און ציין
פֿון פֿאַרפֿאַלענעם גיין —
האָט פֿאַריאָגט מיין געביין,
העלואיז.

און פֿאַרקריפּלט מיין גוף,
און פֿאַרשעמט מיין באַרוף,
און פֿאַרבלוטיקט מיין רוף:
העלואיז.

מיינע ביכער — פֿאַרברענט,
מיינע לידער — פֿאַרלענדט,
מיך פֿאַרמויערט אין ווענט, —
העלואיז.

איך בין ווייט, איך בין ווייט,
פון דער וועלט און א זייט,
גאר דאָס הארץ אַלץ נאָך שרייט:
העלואיז.

טוט אין מח א ברען:
וועט א וואונדער געשען:—
פארן טויט כאַטש דיך זען?—
העלואיז.

אַרום מיר — שלאָס און וואַך,
מאָנאסטירישער דאַך,
בין א ווייסער מאָנאַך, —
העלואיז.

II

אַזאַ גליק

אַזאַ גליק — דיך צו ווען,
כאָטש איך זע: ביסט ניטאָ;
טרעט אַריבער די שוועלן, —
ביסט דאָך סאַי ווי סאַי דאָ.

אַלע צאַמען פון צייטן
ריים איך אוים און פאַרוואַרף;
אויף די פליגלען פון ווייטן
שפּיל איך אויף ווי אַ האַרף.

פון אַ וועלט פון אַ פרייער
גיט אַ לויכט אַזאַ שפּור, —
צינדט זיך אָן אין מיר ס'פייער
פון דעם יונג-טרובאַדור.

בין אַ יונג צווישן יונגען,
סערענאַדעס און וויין,
מיין געזאַנג ווערט צעקלונגען,
שפּילט אין הערצער אַריין.

טו זיך אוים פון דיין טרויער,
פון דיין נאַנישן קלייד,
דורך די ווענט פון מיין מויער
שלאָגט גיטאַרישע פרייד.

זע, איך טאַנץ ווי אַ אינגל, —
וואָס-זשע טאַנצסטו ניט מיט? —
אין פאַרשלאָגענעם ווינקל,
וואָס-זשע שטייסטו געקניט?

מיט פֿאַרגליווערטע גלידער,
מיט פֿאַרשטומטן געבעט;
בעסער לייג זיך אַנידער
אויף מיין דאַרשטיקער בעט.

רייד אַרויס מיט די ליפּן
מיט צעוואַרעמטן קול:
מיין געטרייער, מיין ליבער, —
ווי אַמאָל, ווי אַמאָל.

אַזאַ גליק — דיך צו וועלן
און צו האָבן דיך דאָ;
טרעט אַריבער די שוועלן,
כאָטש איך זע — ביסט ניטאָ.

III

העלזאיז, הער

העלזאיז, הער. —
זיי ווייסן, זיי ווייסן:
דאָס געשריי פון מיין גוף
האָט זיך איבערגעריסן.

אויף מיין גוף האָט דער פיינט
ווי אַ חיה געריסן;
מיין גוף האָט דער פיינט
מיט אַ מעסער צעשניטן.

מיט אַן אַנדערער הויט
האָט די וואונד זיך פאַרצויגן,
אָבער כ׳קוק שוין ניט מער
דער וועלט אין די אויגן.

ווי אַזוי ס׳איז געשען? —
שוין ניטאָ וואָס צו פרעגן;
איך ווייס נאָר — איך קען
מער ניט גיין דיר אַנטקעגן.

און מיין גיין איז אומזיסט,
כ׳וועל דיך סיי ווי ניט גרייכן:
זינט דער פייניקער, — איך
טראָג דעם קינ׳שן צייכן.

IV

מיינע טעג

מיינע טעג — געציילטע,
מיינע טריט — שטויביק,
פֿאַר דיר, מיין אויסדערוויילטע,
וויל איך לעבן אייביק.

עס פֿאַלט דער באַגינען
אויף מיין גוף דעם קנאַכיקן;
מיט געזאַנג נעם איך דינען
צו מיין גורל מיין יאַכיקן.

צי אויף שפּינראַד צו שפּינען,
צי שטיינער צו שאַרן,
אין מיין שוויים צו פֿאַרדינען
מיין מאַלצייט מיין דאַרן.

צו דער זון נעמט זיך הייבן
מיין געזאַנג מיין געשייטערטער,
כּדי צו ברענגען אויך גלויבן
צו דיר — מיין דערווייטערטער.

איך האָב יאָרן צערים,
ווי מען רייסט שטיקער קליידער,
כּדי אַליין זיך דערווייסן,
צי די וועלט האָט אַ סדר.

איצט קומט מיך באגריסן
מיין רו מיין אנטרונענע ;
איך מאַך גאַנץ אַלע ריסן
מיט מיין סוד מיין געפונענעם.

די זון איז געקומען
זיין מיין גינציקער שומר,
די זון איז געקומען
אויף ניט צו פארגיין מער.

V

יום טוב

יום טוב. יום טוב.
ווענט און שלעסער.
קאַלטע דילן.
טיש און — מעסער.

טיש — נאָך קעלטער,
שטיין־געפראָרן;
כ׳רוף צום טאַנץ אייך,
מיינע יאָרן.

אנשטאָט וויינען,
טרינק איך ווערטער, —
נים געזאָגטע,
דאָך — דערהערטע.

טרונק, און שיכור.
הייסע שפרונגען. —
אָפּגעשפּרונגען,
אָפּגעזונגען.

כ׳הער אַן אַנדיר.
פינגער? — וועמעס? —
— „דאָס בין איך דאָך
„אויף אַן אמת״.

„איך — דיין שוועסטער,
„איך — דיין מאַמע,
„איך — דיין חלום,
„אַלץ צוזאַמען. —״

מאַמע — שוועסטער,
אַלץ צוזאַמען, —
זע מײַן יום טובֿ
ניט פֿאַרזאַמען.

אָט־די זעלטענע
מינוטן ;
זע, דאָס מעסער
הייבט אָן בלוטן.

נענטער, נענטער.
שוין. אַריבער. — — — —
נעם אַ דעק
און דעק מיך איבער.

איצט איז גוט מיר,
איצט — נאָך בעסער ;
שלאָף, מײַן יום טובֿ, —
שלאָף, מײַן מעסער.

VI

אַבעלאַרס אָוונט־תּפלה

גאָט, —
ווער ביסטו?
ווער איך בין
ווייס איך:
ערד
און חומר, —
אַבעלאַר
הייס איך.

גאָט,
וואו ביסטו? —
וואו איך בין
ווייס איך:
צעל. —
אין עלנט
מיין טאָג
פאַרשטויס איך.

ליד
און ליבשאַפֿט,
געדולד
פֿאַרמאָג איך;
קלייד
פֿון נזיר
געדולדיק
טראָג איך.

זאָג,
צי ווייסטו,
אַז ווייט
פֿון דאַנען —
וואַרט
מיין העלואיז,
כ׳זאָל קומען
צושפּאַנען.

וואַרט, —
אין גלות
אַליין זיך
פֿאַרטריבן;
זיך
פֿאַר אַ קרבן
אַליין
אויסגעקליבן.

דאָרט
אין גלות,
אין בלינדע
פֿריידן —
וואַקסט
אונדזער קינד —
דער טרוים
פֿון אונדז ביידן.

וואַקסט
אין אַנונג:
— פון אַלע
זייטן
קומט
די סכנה
אויף שווערדן
צו רייסן.

קומט
פאַרשטעלט
פאַר אַ גוטן
זיידן,
רעדט
פאַר'כשופ'ט
מיט געטלעך
ריידן.

האַנט
נעמט וואַרפן
מיט דונער
בליצן, —
כאַפּט
דאָס קינד
אויף שווערדיקע
שפּיצן.

שטעכט,
און זינגט נאָך:
,,— דאָס קינד
געשטאָכן;
גאָט, —
דיין גבורה
און דיין
נצחון.—"

קאָפּ
אַבעלאַרס
אויף האַרטע
פּויסטן ;
גאָט, —
הייב ווידער
דיין שווערד
אָנטפּלויזטן.

הייב,
וואָס וואַרטסטו ?
מיך פאַלגן
הייס איך ;
גאָט, —
ווער ביסטו ?
ווער א י ך בין —
ו ו י י ס איך.

הספד אויפן טויט פון אַ קראָליקל מיט רויטע אויגן

דאָקטאָר שטייט ביים פּאַלמעס־טיש,
פּאַלמעסט אויף אַ ווייסן קראָליק;
בלוט איז שטראָמיק, בלוט איז פריש,
וואַשט די הענט אָפּ מיט קאַרבאָליק.

אויסגעהאָדעוועט אהינטער שלאַס
קראָליקלעך מיט רויטע אויגן;
גיי און ווייס און טרעף אויף וואָס
קראָליקלעך אַזוינע טויגן!

טרעף פאַרוואָס אַ מאַן דערלאַנגט
אַלע, אַלע אינדערפרי זיי
שיסעלע מיט פריש געטראַנק,
שיסעלע מיט קוקורוזע.

טרעף צו וואָס אַ קראָליק־קינד
זוכט מיט זוניק־רויטע אויגן,
זוכט — ביז וואַנען עס געפינט
מאַמעס נאָפּלען אויף צו זויגן.

זויגט דער מאַמעס מילך אַריין,
ביז עס ווערט אַליין אַן עסער, —
וואַקסט אַזוי טאָג־אויס, טאָג־איין,
ווערט אַלץ שענער, ווערט אַלץ גרעסער.

ווערט אזוי א גאנצער לייט,
לעקט אוים שיסעלע ביז טרוקן,
כאפט א שטרויעלע און קייט,
טאנצט און שפרינגט אויף מאמעס רוקן.

גיי און וויים, אז אט דער מאן,
וואס טוט דארשט און הונגער שטילן,
טראגט א נאדל אין זיין האנט,
א פאר׳סמ׳טע מיט באצילן.

גיי און וויים, אז אט די האנט
וועט ארייגשטעכן — פארגיפטן
און וועט אנצינדן מיט בראנד
וויסן קראליקל פארשטיפטן.

און אים אפטוילן אליין
א פאר׳חלש׳טן, פארלעגדטן, —
ווייל א דאקטאר דארף דערגיין
עפעס דורך עקספערימענטן!

קראליקל מעת-לעת׳ן ליגט
שטיל און שטום, די אויגן בלענדיק,
און דער טויט, ער וויגט און וויגט,
ביז ער ווינט אים איין אויף שטענדיק.

קראליקל, דו ברודער מיין,
כ׳זע צום פאלמעס-טיש דיך טראגן,
כ׳נעם דיין טויט אין זיך אריין,
און איך טו דיין טויט באקלאגן.

שיסעלע מיט וואַסער שטייט,
פול אַריבער אַלע ברעגן;
קוקורוזע־גרויפּ — דיין ברויט —
ליגט, ווי ביז אַהער געלעגן.

אַ, פאַרוואָס? צו וואָס? פאַר ווען?
גאָר אַלטמאָדיש טו איך זאָגן:
וויי צום אויג, וואָס דאַרף עס זען,
וויי צום מויל, וואָס דאַרף באַקלאָגן.

ווערטער זוך איך דיר צו לויב,
קראָליקל מיט רויטע אויגן;
ווינט טראָגט שניי, און ווינט טראָגט שטויב,
ווערט אויך וואָרט אין ווינט פאַרפלויגן.

J. C. R. S. *)

פיר בוכשטאבן גרויסע אויף קוימען און טויער,
פיר גרויסע, פיר בוכשטאבן : — דזשיי. סי. אר. עס. —
אפריל־טעג גענענען. די בוכשטאבן בליען
נאך אידער עס בליט דער טוליפ און בעז.

א גאלדענע זון גייט ארויס אין באגינען,
עס קומט אן דער פרילינג אין פריען וויזיט ;
מיר אלע — מיר טראגן דאס שטארבן אין זינען,
און קושן מיט ליבשאפט דעם וויזיטארס טריט.

דאס לייב איז געליטערט, דאס הארץ איז געריייניקט, —
דאס ליכטיקסטע ליכט אויפן טונקעלסטן קאפ ;
ס'איז גוט מיט א סכ'ען אין פיין זיין פאראייניקט,
און טראגן די פיין, ווי א הייליקע גאב.

אין טויט און אין זון און אין אנהייב פון פרילינג,
גיי אויף, און קום אויף, און אין נאנטקייט קום צו,
א, ליד מיינס, און זיי ווי א זאלביקע היילונג, —
א, ווארט מיינס, זיי גלויבן און כח און רו.

אין לעצטע מינוטן די אויגן אלץ זעען,
ביים גוסס צוקאפנס — דאס אייביקע י ע ;
מיין הארץ, ווי א מילגרוים, איז פול מיט אדיע'ען,
און אט בליט אויף ביימער א נייער אדיע.

פאר מיר זיינען שוועלן — פארציטערטע סטרונעס,
פאר מיר איז א שויב פון א פענצטער — א נס ;
איך נעם מיט דעם חסד פון פרילינג און טרונעס, —
אדיע, טיר און טויער פון דזשיי. סי. אר. עס. — —

*) די איניציאלן פון כפיוואק סאנאטאריום, קאלאראדא.

אַ העלער באַגינען

אַ העלער באַגינען איבער מיר ליגט פֿאַרשפּרייט ; —
עפֿן זיך פֿאַנאַנדער, ערד,
זיי געגרייט פֿאַר מיר,
ווי איך בין פֿאַר דיר געגרייט ; —
לייטער אויס דיינע שטויבן פֿאַר מיר,
ווי איך האָב אויסגעלייטערט פֿאַר דיר מיינע גלידער,
זע, ערד,
אַט לייג איך זיך אויף דיר אַנידער.
מיינע אַלע פֿאַרלאַנגען זיינען מקוים געוואָרן,
מיינע אַלע געבעטן זיינען געוואָרן דערהערט.
און אַלע מיינע זינד און אַלע פֿאַרברעכנס
האָב איך אָפֿן פֿאַר דער וועלט ווי אין וידוי אויסגערעכנט.

צו ווערעמען מיין גוף געהערט,
געהערן אויך הימל און ערד,
און אויך אָט דאָס שטיקל פּאַפּיר,
וואָס איך ריר אָן, קאָן זיין, מיט אַ לעצטן באַריר.
הימל און ערד זיינען גרויס,
אָבער דאָס שטיקל פּאַפּיר איז גרעסער,
און ס׳וואָרט אויפֿן שטיקל פּאַפּיר — נאָך גרעסער.

כ׳וועל אָפּזינגען דאָס לעצטע וואָרט —
אַזוי האָב איך ניט איינמאָל צו זיך שוין געזאָגט ;
אָבער וואָרהאַפּטיק, זע — דאָס לעצטע וואָרט
ווי אַ קוואַל, ווי אַן ערשט-געעפֿנטער, שלאָגט,
און וואָרהאַפּטיק, זע — דאָס לעצטע וואָרט
איז קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט לעצט ;
איך ליג ווי אויף אַן אָפֿענעם פֿעלד,
אויף אַ האַרבסטיקער בעט פֿון דער וועלט,

און פֿון דער ערד מיט אַ טוי ווי אַן אָטעם זעצט,
און איך וואַרט, מיין פֿריינט, אויף דיר,
איך וואַרט אויף דיר דו זאָלסט קומען; —
יאָ, וואַרהאַפֿטיק, זע — דאָס לעצטע וואַרט
איז קיינמאָל ניט, קיינמאָל ניט לעצט.
קום אָן פֿון מזרח,
קום אָן פֿון מערב,
קום אָן פֿון דרום,
קום אָן פֿון צפֿון, —
פֿון וואָס פֿאַר אַ זייט נאָר דו ווילסט — קום אָן,
ווייל אַלע פֿיר זייטן פֿון וועלט זיינען אָפֿן.

קום צו מיר

קום צו מיר, קום.
און אַז דו קומסט —
ברענג מיט
אַלע אונדזערע קינדער, —
סאַי מיינע סאַי דיינע. —
ברענג מיט אויך די שפּעטערע דורות,
וואָס דאַרפֿן ערשט ווערן געבוירן, —
איך וויל צו זיי אַלע דאָס לעצטע וואָרט זאָגן. —
ווייל, וואָרהאַפטיק, זע: איבער גאָר דער ערד
מיט הייסן, מיט שטראָמיקן בלוט נעמט שלאָגן.
(דאָס לעצטע וואָרט ווי אַזוי זאָל איך זאָגן?) —
און דו, צוזאַמען מיט אַלע קינדער,
וועסט נעמען מיין גוף, וועסט נעמען און טראָגן
אַהין, וואו מיין גוף טוט אויף אייביק געהערן, —
(דאָס לעצטע וואָרט קאָן קיינער ניט זאָגן) —
מיך טראָגן און טראָגן און טראָגן,
און קיינמאָל פֿאַרמאַטערט ניט ווערן;
אַזוי האָב איך דיר מיין ברכה געגעבן
ביים לעצטן הויך פֿון מיין לעבן,
אויפֿן האַרבסטיקן פֿעלד ערב טאָגן, —
(דאָס לעצטע וואָרט ווילט זיך נאָכאַמאָל זאָגן) —
און וואָרהאַפטיק, זע — וועסט קיינמאָל ניט גרייכן
דאָס אָרט, וואו מיין גוף טוט געהערן,
און וועסט מיך אייביק אויף זיך מוזן טראָגן —
(דאָס לעצטע וואָרט וועט מער קיינער ניט זאָגן).

אין וואַלד

אויפֿן בוים פֿיבערן די צווייגן,
און אויף מיר פֿיבערן די הענט;
כ'האָב אויפֿגעהערט וועגן זיך צו לייגן,
און מיין אמת — נאָך אַלץ ניט דערקענט.

אין האַרבסט דערפֿיל איך עס טיפֿער,
אַלע נאַקעטע רגע'ס איך צייל,
איך הורבע אַן ציפֿער אויף ציפֿער,
און די סומע איז אַלץ נאָך — אַ טייל.

פֿון באַרג קייקלען זיך שטראָמען,
צעפּיצלען דעם שטאַרקסטן גראַניט,
נעמען מיט אַ זאַמדן, אַ זאָמען,
אָבער מיך נעמען זיי ניט מיט.

נעם איך שפּאַנען אַליין, לאָז זיך פֿירן
נאָך מיין שאָטן — וועג־אויס, וועג־איין,
שפּאַן אַריין אין די פּורפּורנע טירן
פֿון אורוואַלד אין אָונט־שיין.

אַלע שפּיצן אין פֿלאַמען געצונדן,
די גרונטן — פֿאַרשאָטנט און קאַלט,
עס לעבן אויף אוראַלטע בונדן
צווישן מיר און דעם האַרבסטיקן וואַלד.

מיינע אַקסלען נעמט דורך אַ צוקן
פֿון אַנרירן האַריקן מאָך,
און איבער דער לענג פֿון מיין רוקן
צעשיט זיך אַ שטאָך נאָך אַ שטאָך.

מײַן ברוסט גיט אַ הילכיקן װאָיע,
און אַלע, פֿון חיה ביז פֿליג,
נעמען אויף מיך מיט פֿרייד און הנאה
און ענטפֿערן הילכיק צוריק.

איך זע ניט אַליין װי כ׳נעם ציען
צום גרונט זיך מיט קני און מיט הענט: —
אַ, גאָט, צי פֿאַר דיר טו איך קניען?
צי האָב איך דיך ענדלעך דערקענט?

כ׳גיי אַרויס פֿונעם װאַלד, און װידער
איך שפּאַן מיט געמאָסטענעם טראָט,
און עס שמעקט פֿון אַלע מײַנע גלידער
מיט מאַך און מיט װאָלף און מיט גאָט.

זיי געבענטשט

דיין פּנים — פול מיט געוויין —
אין לויטערער שמחה גייט איבער,
דיין גוף — שוואַך און קליין —
וואַקסט אויס אַ ריז — אַ גבור.

דיין האַנט, די מידע אין בראַך,
הייבט זיך אויף אין ברכה ווידער :
זיי געבענטשט, זיי געהייליקט, יאָך
פון ליבשאַפט, פון טויט און לידער.

ביסט געשטאַנען ביים קבר׳ס ראַנד,
מיט אַ רידל אַן אָרון פאַרשאַטן, —
איז מיר טייער איצט דעם קבר׳ס זאַמד,
ווייל דיין פוס האָט אויף אים געטראָטן.

ווי איך פאַל אַמאָל צו דיינע פיס,
פאַל איך צו איצט דאָס זאַמד באַרירן.
איך וויל די גבורה פון אַ ריז
אויך אין גוף אין מיינעם דערשפירן.

הייב איך אויף אַ הויפן ערד
מיט דערשפירטער קראַפט פון אַ גבור,
יעדעס זעמדל ווי לעבעדיק ווערט,
און געמט וואַקסן און וואַקסט מיך אַריבער.

שטיינער — מיינע ברידער

שטיינער — מיינע ברידער, —
דריקט שטאַרקער זיך צו מיר;
דורך טיף פון מיינע גלידער
שניידט דורך אייער באַריר.

אין אונטן־פעלד אין מיטן
מיין גוף ליגט אויסגעשפּרייט, —
איך בענטש די טיפע שניטן,
און בין אויף מער נאָך גרייט.

עס דרייען זיך אין קנוילן
די וואָלקנס הין און הער,
בין אַנגעזאַפּט מיט גרוילן,
און בין נאָך גרייט אויף מער.

די זון, אויף מאָרגן, טרעפן
נאָך איינגעזאַפּטן גרויל, —
נאָר איינמאָל טו אַן עפן
אַן אויג, אַ ליפּ פון מויל.

און זע, ווי ס'טאַנצן ליכטיק
אין זון די זיילן שטויב; —
אויך דו, ווי זיי, ביסט וויכטיק,
ביים לעצטן אָטעם גלויב.

און גלויב, אַז אויך פון אונטן,
דורך אַלע שיכטן ערד,
דעם בונט פון אַלע בונטן
האָסטו דורך זיך דערהערט.

דעם יאָמער פֿון יסורים
אין יעדער שטילסטער זילבּ;
דעם אויסבּרוך פֿון אַ שטורעם
אין גאָר דער קלענסטער מילבּ.

דערהערט — און זיך צערימן
אין קאָסף מיט זיך אַליין;
אין בּלוט פֿון דיין געוויסן
איז וועלט געוואָרן ריין.

איך רוף אייך, שטיינער, — בּרידער,
איך דריק צו אייך מיין גוף, —
דאָס ליד פֿון אַלע לידער —
מיין ליבּשאַפֿט — גייט ערשט אויף.

אַ ווייסער חלום

אַ ווייסער חלום: — הוילע ברעטער,
און אויף די ברעטער ליגן צוויי,
צוויי דרעמלענדיקע מידע געטער,
און אַ לבנה קניט פֿאַר זיי.

און די לבנה וועקט מיט טרערן:
— ווי טאָרן געטער ווערן מיד? —
אויף איר פֿאַרקוקט זיך יעדער שטערן,
און לאָזט זיך אויך אַראָפּ און קניט.

ווען ניט לבנה און ניט שטערן,
צי וואָלט גאָר איינגעפֿאַלן ווען
פֿון זייער גוף פֿאַרצויבערט ווערן,
און געטער צוויי אין זיי דערזען?

דער גוף פֿון זיי — ווי אַלע גופֿ'ן:
אַן פֿליגלען, האָריק, שאַרף געביינט;
נאָר אָט די זכיה: שטערן רופֿן,
און די לבנה פֿאַרכטיק וויינט.

די גופֿ'ן טוליען זיך פֿאַרוויגטע,
און מיטאַמאָל — אַ שטימע לאַכט:
— ווער זענט איר — זיגער, צי באַזיגטע?
און ווער האָט אייך אַהער געבראַכט?

לבנה צאָרנט, אויך די שטערן, —
די שטימע זוכן זיי אַרום,
נאָר שטימע לאָזט זיך מער ניט הערן,
און אַלץ צום פֿריער קערט זיך אום.

גאָר גיט אויף לאַנג. אַ קול אַ נייער, —
און ניט קיין לאַך, נאָר אַ געשריי;
עס גיט אַ בלייץ אַ מזרח־פייער,
און כאַפּט אַוועק די גופ'ן צוויי.

לבנה יאָגט — צו גיט דעריאָגן,
די שטערן שמעלצן זיך ווי שניי;
אויף פלאַקער־פייערדיקן וואָגן
זיך כאַפּן אויף די גופ'ן צוויי.

און איידער נאָך אַ וואָרט זיי זאָגן,
און איידער קול צו קול דערגייט, —
אויף צוויי צעפאַלט דער פייער־וואָגן,
און ביידע גופ'ן ער צעשיידט.

דער גאַנצער מזרח ברענט אין פלאַמען,
ער יאָגט צו מערב פול צעטאָגט; —
און ס'יאָגט אין פלאַם מיט אים צוזאַמען
אַ גוטלעך וואָרט אַ ניט־דערזאָגט.

אויף יענער זייט באַרג

אויף יענער זייט באַרג האַלט די זון אין פֿאַרגיין,
מיין טייערער פריינט, מיין ליבער;
— „ווייט איז ניט ווייט, אַליין — ניט אַליין" — — —
אַ נגון אַזאַ זינג איך איבער.

פֿאַרשניטן פעלד אונטער מיינע פיס,
איך בין גרייט ווי פעלד זיין פֿאַרשניטן;
איך האָב געהיט אַ געשטאַלט, געהיט און פֿאַרהיט,
און דאַרף עס שוין מער ניט היטן.

דיין פֿאַרהיט געשטאַלט איז אַלעמענס איצט,
איעדער מיט פרייד זאָל עס טראָגן; —
נאָר אָט איז דאָס לעבן היינט אַזוי ניט באַשיצט
און די פרייד גייט אַריבער אין קלאָגן.

איך רייד אָפט צו זיך, איך פרעג: וואוהין
מענטש גייט, וואוהין וועט ער קומען; —
געיאָמער ווערט שטיל, ווערט דין, דין, דין,
ביז די צונג קלעפט זיך צו צום גומען.

אויך איך ווער שטום, מיין טייערער פריינט,
זאָל אַן אַנדערער אַנהייבן זינגען;
צווישן נעכטן און מאָרגן — פֿאַרפֿייניקטער היינט
אין אָוונטרויט נעמט זינקען.

די זון פֿאַרגייט. — אַן אַלט געזאָג,
דאָך אינגער פון אַלע געזאַנגען;
צווישן נעכטן און מאָרגן — פֿאַרפֿייניקטער טאָג
אויף יענער זייט באַרג פֿאַרגאַנגען.

דער עפּלבוים דערציילט

איך האָב היינטיקן פרילינג ניט געבליט,
אַ לאַנגער ווינטער האָט מיך געמאַטערט;
די שוואַכע סמנים פון פרוכטיקן צוויט
האָט פראָסטיקע נאַכט אין מאַי צע'פּטר'ט.

אַליין בין איך שוין מיט יאָרן זאַט,
מיין עפּל איז אַלעמאָל זויִק, ווייניק;
און אַט דאַרף איך גלאָמפּן מיט פוסטן בלאַט,
און זאָגן: — דער ווינטער האָט מיך פאַרפּייניקט.

דער זומער איז שוין אין פולן גאַנג,
אַלץ גייט צו רייפקייט שטיל-געדולדיק;
מיט אייפערזוכט קוק איך אויף מיינדסטער זאַנג,
און פיל זיך פאַרשעמט, און פיל זיך שולדיק.

עס וועלן באַלד קומען סוף-זומער-טעג
פון קלייבן, פון שניידן, פון גראָבן,
מען וועט טראָגן געלאָדענע פולע זעק,
און איך וועל אין זיי קיין טייל ניט האָבן.

סוף-זומער-טעג, סעפּטעמבער-צייט, —
איך דערמאָן עס מיט פאָרכט באַזונדער,
ווען וואָגיקערהייט מיין קלענסטער צווייג
פלעגט זיך בויגן אַרונטער, אַרונטער.

פון אַלע פרײַדן, וואָס זײַנען דאָ,
איז די טיפסטע — זינקען געלאָדן
אין טיפער נאַכט, אין פאַרטאָגיקער שעה,
מיט אַ צווײַג אָנרירן דעם באָדן.

און פון אַלץ וואָס זיס — איז מער נאָך זיס
דער פיבער אין אַלע גלידער,
ווען אַן עפּל גרייט זיך צו געבן אַ ריס,
און אינגאַנצן אַ פאַל טאָן אַנידער.

דאָס גרייטן זיך, דערנאָך — די טאַט:
אַ פאַל, אַ זונק ווי אין תהום׳ען, —
אַדיע־געשריי דורך צווײַג, דורך בלאַט,
אַ הילך איבער אַלע רוימען.

דערנאָך די שטילקייט, וואָס שטייט אָן. — — — —
אָ, פּײַן, אָ, גליק פון געדענקען! — — —
מײַן ליבער עפּל, וואָס וועסטו טאָן
בײַם ערשטן אויסבּרוך פון בענקען?

צי וועסטו געפינען אַ נאָענטן פרײַנט
אין תהום פון פאַרטאָגיקע גראָזן? —
אָ, ליבער עפּל, איך ציטער נאָך הײַנט
צו זײַן פון דיר פאַרלאָזן.

איך רעד די רייד, אַזוי ווי עס וואָלט
פּאַסירט אַלץ הײַנט באַגינען,
און ווען אָונט קומט — אין אָונט־גאָלד,
ווי כ׳וואָלט וועלן טרייסט געפינען. —

נאַר: — טרייסט זיך ניט! — אַזוי אַליין
איך נעם מיין הויט פון זיך שינדן,
איך פליק פון זיך מיין בלעטער־קרוין
און וואַרף זי אויף אַלע ווינטן.

און פלוצלונג בלייב איך שטיל. איך הער
אַ קול איבער ערד צעגרינטער:
— זיי גרייט, זיי גרייט, זיי גרייט אויף מער,
זיי גרייט אויף אַ נייעם ווינטער.

פון אומפאַרמיידלעכקייט דער קול
מישט אויף זיך מיט אוונט־שטראַלן, —
ווי גאָלדענע עפּל וואַלטן מיטאַמאָל
פון אַלע הימלען פאַלן.

עס גיט אַ הילך די גאַנצע ערד, —
געוויין, געזאַנג און תפלה. —
געזעגענונג. און טונקעלער ווערט,
און שטילער, שטילער, שטילער.

קינדער צוויי

קינדער צוויי שפּאַנען איבער אַ פעלד.
באָרוועסע שפּאַנען — שוועסטער און ברודער.
יוליקע זון צינדט מיט פייער די וועלט,
גיסט אָן מיט פייער אויך קינדישע גלידער.

ברודער — דער עלטערער — ביינערדיק, דין, —
שוועסטער — אַ ברעקל — מיט זילבערנע לאָקן ;
עלטערער פירט פאַרן הענטל דאָס קינד,
קוקט אין פאָרויס מיט אויגן צעשראָקן.

ווייט פון דער היים פאַרבלאָנדזשעט, זעט אויס,
אָדער גאָר היימלאָז, פון שלעגער אַנטלאָפן? —
אויגן פון ברודער, וואָס קוקן פאָרויס,
זינקען אַרונטער אין טרערן פאַרלאָפן.

גאָרנישט מיט זיך, — ניט וואַסער, ניט ברויט, —
טרוקענע זיינען די שטעכיקע לאַנען ;
באָרוועסע פיס, — צעשלאָגן אויף רויט, —
עדות פון לאַנגן, פילטאָגיקן שפּאַנען.

ברודער שווייגט שטום, און דאָס שוועסטערל — אויך.
קלוג איז דאָס קינד מיט די זילבערנע לאָקן,
הייבט אויף די אויגן, פאַררייסט צו דער הויך,
קוקט מיט אַ קוק פון אַ חכם אַ זקן.

ווערט אויפגעציטערט אין אויפשטייג פון מוט
עלטערער ברודער, — נעמט אויפגעלייגט איילן,
דורכפליען וויל ער מיט נס פון מינוט
ס׳בייזע צעפלאַקערטע האַרץ פון די מיילן.

שפּאַנט ער און קלאַמערט דער שוועסטערלס האַנט,
שוועסטערל האַסטיק לויפט מיט און טאַנצט אונטער;
יאָגט אויך די זון ביזן ווייט-ווייטסטן ראַנד,
יאָגט מיט זיי מיט, ביז זי נידערט אַרונטער.

אויף שוועסטערלס ליפּן שלאָגט אויף אַזאַ שוים,
שוועסטערלס פּיס מיטאַמאָל נעמען זינקען,
מערב-זייט הימל — אַ בלוטיקער זוים —
ראַנדיקע וועלדער ביז גרונט נעמט פאַרטרינקען.

עלטערער שטומט, און דאָס שוועסטערל — אויך,
גלייכע עקשנות אין האַרץ ביי זיי ביידן;
עלטערער, פּלוצלונג, דערשטיקט ווי אין רויך,
וויל עפּעס אָנהייבן פליסטערן, ריידן.

איידער דער עלטערער עפנט זיין מויל, —
שוועסטערלס אויגן מיט שלאָף זיך פאַרציען,
שוועסטערל דרייט זיך צונויף ווי אַ קנויל, —
עלטערער פאַלט-צו צו איר, און נעמט קניען.

שוועסטערל שלאָפט, און דער ברודער זי היט,
גלעט מיט די פינגער די זילבערנע לאָקן;
זעט: — אויך לבנה נידערט און קניט,
הערט: — אַלע שטערן קלינגען ווי גלאָקן.

עלטערער נעמט דאָס קינד אויף די הענט,
טוליעט עס צו צו זיך מיטן פּנים,
לאָזט זיך גיין ווייטער, אין ווייסן פאַרבלענדט,
אונטער דער ליכטיקער פולער לבנה.

שפּאַנט ווי אין כּשוף, אין אימפּעט געבּרענט,
איבער אים וויגן זיך שטאַרקער די גלאָקן;
טראָגט אין צוזאַמענגעטוליעטע הענט
בּלוטיקע פיסלעך און זילבּערנע לאָקן.

אינגל

נאַכט און פייער־פּלינן.
אַ פּאַרדרייטער שליאַך;
כ׳זוך פאַר זיי אַ ניגון,
כ׳זוך פאַר זיי אַ שפּראַך.

אַלע ווערטער גאַפּן
ביי דעם מינדסטן זאַג; —
וועלט איז ערשט באַשאַפן,
וועלט איז אַלט איין טאָג.

אַפּתילך פון אַ שטורעם,
מילכוועג דרייט זיך קרום, —
ריח פון גאָטס פּורעם
טראָגט זיך נאָך אַרום.

ערשט אַרויס פון תהום׳ען
צו אַ זין, אַ ציל, —
אַלץ איז נאָך אָן נאָמען, —
שמייכל, סוד און שפּיל.

לבנה — שפּילצייג־קלינגל —
ווייזט זיך און פאַרשווינדט;
נאָט אַליין — אַ אינגל,
שפּילט זיך ווי אַ קינד.

קוקט מיר אוים משונה,
פלוצלונג, ווען מיין קאָפּ
מיך ווי אין אַ ברונעם,
לבנה שפּיגלט אָפּ.

שטיי איך, גאָך צעשראָקן:
זע ווי קומט אַהער
גרויער קאָפּ פון זקן
אויף אַ יונגער ערד? —

נאַכט און פייער־פליגן,
אַ פאַרדרייטער שליאַך;
אַט גייט אויף דער ניגון, —
האָרך, זיי וואַך, זיי וואַך.

אונטער די פליגלען

אונטער די פליגלען פון נאך איינעמס לײדן
געפינ איך פאר מיינע שוץ;
איך גיי פארביי דאס לאנד פון פריידן,
כדי צו קומען צום לאנד פון גוטס.

מיט געזאנג פון לויטערן ליבן,
אין הכנעה ביי א שוועל צו שטיין;
ווער ס'האט איינמאל זיך אליין פארטריבן —
וועט גיט איינמאל אין גלות נאך גיין.

מיין ליד — אויפן זאמד א צייכן,
אויפן זאמד פון א ווילדן שליאך;
מען זעט ניט קיין שויב צו דערגרייכן,
קיין שאטן פון אונטער א דאך.

אין ברעגן פון ביטאגיקע שעה'ן,
ביים וואלד, צי ביים זוים פון א פעלד,
איך שטיי מיט דער זעלבער הכנעה,
ווי כ'וואלט שטיין אויף א טרעפ פון א שוועל.

אָפּענע הימלען

אָפּענע הימלען.
וואַכיקע וועלדער, —
דער שליאַך גייט פאַרביי
און פאַרדרייט זיך,
און נידערט אַרונטער.
דער שליאַך גייט פאַרביי
און פאַרטיפט זיך
אין הייאיקע פעלדער.
דאָס היי ליגט געשניטן,
און עס שיכור'ט זיין ריח,
און ס'ווילט זיך ס'זאָל קומען
אַ מענטש אַנטקעגן. —
ווער?
אַ מענטש זאָל קומען אַנטקעגן.
ווער?
און ווידער און נאָכאַמאָל:
ווער?
אַזאַ מין געזאַנג נעמט זיך זינגען:
ווער — ווער — —
געזאַנג פון הענט,
געזאַנג פון טריט,
געזאַנג פון טראַכטן און וועלן,
אַז דו זאָלסט קומען אַנטקעגן, —
ווער?
דו זאָלסט קומען אַנטקעגן, —
דו,
און ווידער און נאָכאַמאָל —
דו,

אזוי ווי עס זינגט דאָס פֿאָלק
דו — דו —
אין לוי באַרדיטשעווערס ליד:
דו — דו. —
איצטער איז אָונטס,
מסתמא איז אָונטס אויך דאַמאָלסט געווען,
געשניטן פֿעלד, —
מסתמא איז דאַמאָלסט אויך שניטצייט געווען.
פֿעלד געווען,
אָונטס געווען.
ליד געווען.
דו.
דו.
געווען.
ביסט.
זאָלסט אייביק זיין.

אָונט-ליד

איבער אַלע שטיבער,
איבער אַלע דעכער,
טראָגן זיך אריבער
זילבער-ווייסע פעכער,

און זיי פאָכען,
און זיי טראָגן
טרייסט, בטחון
צו די וואָס קלאָגן, —
און צום שוואַכן —
רו, —
און פארמאַכן
אויג פון מידע
צו.

אַלע — ליו.
אַלע לידער —
אַלע ליב;
אַלע ליפּן —
אַלע צו.
אַלע — ליו,
הא — לו — לי,
אַלע דאָ,
אַלע הי,
אַלע צו. — —

האָרך, האָרך.
פֿון אַ בלאַט —
ניט קיין שאָרך,
פֿון אַ גראָז —
ניט קיין ריר,
דאָך האָרך
ליו — ליו — קול:
אָ — לע — ליו —
נאָכאַמאָל,
האַ — לו — לי,
אָלע דאָ,
אַלע הי —
אַלעמאָל.

טרייסט

איך טראָג אויף די הענט דיין צער,
ווי מען טראָגט אַ קינד אויף די הענט;
דורך וועגן פון לויטער געפאַר
האָסטו זיך צו מיר דערקענט.

פון הינטער ווינקלען אַרוים
קוק איך דיך נאָך, און איך היט —
איך קוק מיינע אויגן אויס
אויף דעם שאָטן פון דיינע טריט.

איך וואַרט אומזיסט היינט,
די גאַנצע נאַכט פאַרגייט;
וועד האָט פאַרהאַלטן מיין פריינט? —
פאַרהאַלטן מיין פריינט האָט דער טויט.

גיי איך מיטן וועג פון טויט, —
דער וועג פון גלייכסטער ריכט,
איך קום געלייטערט און גרייט
צו שטיין פאַר דיין געזיכט.

אַז איך קום און איך זע — דו ביסט דאָ,
זוך איך נאָך אַלץ דיך וואו;
פון דער הייליקסטער, פון דער לעצטער שעה
אַ רגע אויך מיר טייל צו.

איך רעד ניט דרייסטע רייד,
כ׳זויל ווערן אין דיר אויפגעלייזט,
מיין אייגן לעבן פאַרגייט,
כדי אויפגיין אין דיר ווי אַ טרייסט.

אויפן טישל שלאָפט אַ גלאָז

די שויבן פאַרצויגן טויאיק,
אויפן וואַנט שפּילט זיך אַ האָז,
דאָס טישל ביים בעט שטייט רואיק,
אויפן טישל שטייט אַ גלאָז.

נעבן גלאָז — פּאַפּיר, אַ פעדער,
און אַלטער לידער-באַנד;
און דער, וואָס אויפן בעט, זיך פעדערט,
ציט אויס אַ לויטערע האַנט.

ער נעמט דאָס פּאַפּיר און צייכנט:
מיין ווייטער, מיין אייביקער פריינט,
דורך דיר וועט צו אַלעמען גרייכן
דאָס לעצטע וואָרט מיינס: — היינט — — —

דערנאָך וויל ער נאָך עפּעס שרייבן,
און לייגט עס אויף שפּעטער אָפּ,
די פינגער די לויטערע בלייבן
איבערן טישל הענגען אַראָפּ.

דער קאָפּ וויל פינגער דעריאָגן,
און פאַלט אויף איין זייט באַק; —
ערשט איצטער דערהערט מען אַ שלאָגן, —
אַ זייגערלס שלאָגן טיק-טאַק.

דאָס זייגערל ליגט אויפֿן פֿענצטער,
און שפּיגלט די זון אין זיך אָפּ,
דריי ווייזערלעך, — איינער — דער קלענסטער,
יאָגט איבער זיך אַליין אין גאַלאָפּ.

ער טיקט, ער טאַקט, כאָטש קיינער
פֿאַרנעמט שוין גישט מער זיין שלאָג; —
צופֿוסנס פֿון הויט און ביינער
אויף דער וואַך זיצט האַלבער טאָג.

צוקאָפּנס שלאָפֿט דאָס קישן,
אויף דער סטעליע שלאָפֿט דער האָז,
אין ווינקל שלאָפֿט דאָס טישל,
אויפֿן טישל שלאָפֿט דאָס גלאָז.

אויפֿן הויכן באַרג

אויפֿן הויכן באַרג, אויפֿן אָונט־באַרג
שלאָגן זיך טיגערס מיט לייבן ;
גלוטיקע נעגל אין פֿינצטערן קאַרק,

און גריוועס אין פֿלאַמען זיך הייבן.

שטרייפֿיקער יאָמער. צעציינערטע צונג.
וואָרג און דערוואָרגונג. דערשטיקונג. —
צוק און פֿאַרצוקונג. אַ זונק און אַ שפּרונג.
באָרכל און גאָרגל צעפּליקונג.

ווייט איבער אַלע בערג אַרום
טראָגט זיך פֿאַנאַנדער די שאַלונג :
— וועלט, זיי גרייט, זיי גרייט, איך קום,
איך — דיין סוף, צעפֿאַלונג.

— אַלץ איז אָנגעשטעקט מיט קריג,
מיט מאָרד־לוסט און צעשטערונג, —
מענטש און חיה, וואָרעם און פֿליג,
אויך זון, אויך לבֿנה און שטערן.

וועלט איז גרייט. צום הויכן באַרג
טאָלן אַרויפֿצו קוקן, —
דאָרטן קומט פֿאָר דער לעצטער וואָרג,
לעצטער אַקט פֿון פֿאַרצוקונג.

אויף הויכן באַרג די זון פאַרגייט,
פינצטערניש לייגט זיך דיקער;
טיגערס מיט לייבן פאַרצוקטערהייט
ליגן צעריסן אויף שטיקער.

און נאָר איין לייב — לבנה־לייב —
ראַטעוועט זיך פון פאַרצוקונג,
ער גיט זיך פון אונטער די פגרים אַ הייב,
שויבערט פאַנאַנדער זיין רוקן.

ער שטעלט זיך אַוועק, — די גריזע צעוויייט
אין ווייסע, אין זילבערנע קעלטן,
עפנט אַ מויל אין זיין גאַנצער ברייט,
און ברילט איבער חרוב'ע וועלטן.

נעווערמאָר

שפּרייט זיך, אוונט,
שפּרייט זיך, נאַכט,
איך האָב ליב אַ מענטשן,
וואָס איז אַ וואָר, אַ אויסגעטראַכט,

די מיט־נאַכט שעה׳ן,
זיי האַלטן וואַך,
ווען איך אין ווארטונג
מיין אָנגעשטרענגטן אויג פאַרמאַך.

און עפּן ווידער
אין באַגינען־שעה ;
איך האָב ליב אַ מענטשן,
וואָס איז פאַראַן און איז ניטאָ.

צי איז אַ נייעם דען
אַזאַ מין זאַך —
דורך נעכט, דורך טאָגן,
דורך טאָגן נעכט צו האַלטן וואַך ?

צו טאָן זיך פּלוצלונג
מיט שרעק אַ כאַפּ,
און טיר דערהערן
אַ ניט־געשטויגן ניט־געפלויגן קלאַפּ ?

דו לויפסט, דו עפנסט. —
אַ פּוסטע טיר.
און קערסט צוריק זיך —
מיט עמיצנס אַן אמת'ן באַריר.

איז וואָס זאָל ווערן
פון אַזאַ נאַכט,
וואָס ליגט צעריסן,
ווי ס'ליגט אַ קריגס־פעלד נאָך אַ שלאַכט?

עס איז קיין נייס ניט, —
שוין עדגאַר פּאָו
האָט אויסגעפּיבערט
אַזאַ מין אויסטערלישע שעה.

דורך ווייטן חלום
און נאָענטער וואָר —
הילכט אָפּ דער אורטייל,
דער אַלטער אורטייל: נעווערמאָר.

נאַכט געטרייע

(ב. וולאדעקן)

צווישן ריזנשאָטנס, מיין אייגענער שאָטן,
דער קאָפּ ביז סאָמע וואַלד נעמט גרייכן;
דער אָוונט ווייט מיט הייסן אָטעם,
און אומרו יאָגט פון אַלע הויכן.

דער וועג צום וואַלד — איך שפּאַן ניט ווייטער,
כ׳בלייב פּלוצלונג שטיין אין שרעק אַ פאַרגאַפטער:
פון טיף פון וואַלד יאָגט אָן אַ רייטער
און שניידט די ערד אין ווילדע קלאַפּטער.

ער יאָגט, און ס׳פערד, מיט פּיס ווי שפּיזן,
שטעכט דורך דאָס פעלד, רייסט אויף אין גריבער,
ער שטעכט אויך דורך די שאָטנס־ריזן,
ער רייסט זיי אויף, און טאַנצט אַריבער.

געפייף פון ווינט, געפּאָך, געקלימפּער,
וואוהין ער יאָגט — דאָס ווייס אַליין ער,
איך האַלט קוים אוים זיין ווילדן אימפּעט,
דעם האָגל קלעפּ פון זאַמד און שטיינער.

ער יאָגט אַוועק, פון אויג פאַרשווינדט ער,
נאָר ערד און איך — מיר בלייבן דולע;
עס דוכט זיך אוים — אַ טיפער ווינטער
נעמט דורך דאָס האַרץ פון הייסן יולי.

דורך אַלע ביימער יאָגט אַ פיבער,
די שאָטנס טאַנצן אום ווי שכור,
און מיין שאָטן — אַ שלאַנג אין גריבער, —
ער וואַרפט זיך אום צעהאַקט אויף שטיקער.

די נאַכט קומט אָן. — אָ, נאַכט געטרייע,
ניט נאַכט פון סימבאַל, ניט פון מיפן,
נאָר נאַכט פון וועלדער, נאַכט פון פייער, —
פאַרנעם מיך אויף אייביק אין דיינע טיפן.

פול זאָל זיין די פרייד

אַ פייער דאָס לייב פאַרצערט,
אין בלוט דאָס פייער ברענט;
עס וואַקלט זיך אונטן די ערד,
עס ברעכן זיך אַלע פיר ווענט.

מיין קול הילכט אָפּ מיט פרייד
אין דונערדיקן רעש:
כ'בין גרייט, בין גרייט, בין גרייט,
צו ווערן אַ בערגל אַש.

אַז דו האָסט מיך נים' דערקענט
אין לעבעדיקן גוף, —
אויף פינגער פון דיינע הענט
מיין אַש נעם אַרויף.

און פול זאָל זיין די פרייד,
נאָך מער, ווי ס'איז באַשערט,
צעזיי מיך און צעשפּרייט
אויף נאָרער, נאָרער ערד.

אַזוי ווי הונגער

ניט איינמאָל האָב איך צער מיט וואָרט געשטילט,
אַזוי ווי הונגער שטילט מען איין מיט ברויט;
ניט איינמאָל אָבער אויך אויף זיך געפילט
די מאַכט פון וואָרט, אַזוי ווי מאַכט פון טויט.

און יעדעס מאָל אַזאַ מין מאָדנער פלאַם
אין אַלע מיינע אברים דרינגט אַריין, —
אַזאַ צונויפגעמיש פון סם מיט סם,
און, אפשר מערער נאָך — פון ווייַן מיט ווייַן.

און מיטאַמאָל גאָר, זע — דאָס וואָרט דערשטיקט
דאָס האַרץ דיר, ווי אַ קאָרק דערשטיקט אַ פלאַש;
ביז וואַנען עס ווערט אויפגעפּראַלט צוריק,
איז לאַנג שוין פונעם פלאַש געוואָרן אַש.

דעריבער בעט איך: וואָרט, זאָלסט זיין ווי ערד,
וואָס נעמט אַ ר י י ן אין זיך, און נעמט אַ ר ו ם;
און מיט מיין גאַנצער בענקעניש צו זיין געהערט,
אַזוי אַריינזינקען אין וואָרט ביז ווערן שטום. — —

אַ טרויעריק

אַ טרויעריק איז מיר בײַ גאָר, — דערפֿאַר
ווייל כ'האָב געלאָזט זיך פֿאַנגען
אין נעצן פֿון דער רשעות, — איך, דער נאַר, —
און בין אַליין נאָך צו דעם פֿאַנג געגאַנגען.

אַזויפֿיל מאָל האָב איך צו זיך געזאָגט:
גיט לאָז זיך אין די וועגן פֿון דעם שלעכטן;
און איצט בין איך אַליין דער שטיין, וואָס שלאָגט
דאָס אייגן האַרץ, ווי מען שלאָגט אַן אומגערעכטן.

דער שלעכטער לאַכט, ער גרויסט זיך מיט זיין רו,
מיט זיינע קאַלטע, שטעכעדיקע ווערטער;
און איך, אַן שפּור פֿון אַנשטעל, טראָג אים צו
מיין באַק און פֿליסטער: שלאָג, געערטער.

און ער — ער וואַרט ניט לאַנג, ער שלאָגט,
און שניידט אוים אויף מיין שטערן רויטע קאַרבן, —
און נאָכדעם נעמט ער אַפּלאַכן און זאָגט:
קומט, לאָמיר אַנטאָן אים די קרוין פֿון שטאַרבן.

קיין קרוין באַדאַרף איך ניט, דאָס שטאַרבן — יע;
איך האָב געזען די הייליקייט פֿון לעבן
אין טויט פֿון מינדעסטן, — איצט קום אויך דו און זע,
ווי איך האָב זיך דעם מינדעסטן אַוועקגעגעבן.

מיין וואָרט, בּין איך געוואוינט, זאָל זיין גערעכט, —
און אַט האָב איך מיין קול אליין צעריסן ;
עס קלאָגט דאָס ריינע וואָרט, עס קלאָגט פאַרשוועכט,
און וואַלגערט זיך אין אָפּגרונט פון געוויסן.

מיין טיר איז אָפן, גאַסטפריינטלעך — מיין צעל,
וועסט קומען זען מיך, — זאָגט מיין האַרץ מיר אונטער ;
נאָר איידער דו דירסט אָן מיט דיינע פיס מיין שוועל,
דעם גאַנצן שטויב פון זיך אָפּריער וואַרף אַרונטער.

זײַ גרייט, דניאל, צום קריג

ער קומט — דער קריג דער נייער;
דניאל, מיין זון, גרייט אָן
דיין גוף פֿאַר קאַנאָנען־פֿייער,
ווייל עס שטייט שוין און וואַרט דער קאַנאָן.

ביסט געווען אַזאַ ניט־באַשיצטער
אַמאָל אין קיסרים'שע הענט;
ביסט אויף הפקר אַזוי אויך איצטער,
ווען אין לענדער רעגירט פּרעזידענט.

עס זיינען זיך אַלע מתעסק,
פֿון ערשטן ביז לעצטן אין לאַנד —
דיין מונדיר, פֿון קנעפּל ביז פּאַסעק
זאָל אויסקוקן העלדיש־גאַלאַנט.

און אַזוי אויך — דיין ביקס און קוילן
מען שייערט, מען פּוצט, מען שלייפֿט,
מען וויקלט דיך אין ליגנס־קנוילן,
דיין יונג לעבן מען פֿאַרקויפֿט.

עס גרייטן דעם קריג פֿאַר דיר אַלע:
פּאַרלאַמענט, פֿאַבריק און קאַבאַק;
מען טראַגט אויף די הענט דעם נתעלה —
דעם היטלער — מלחמה־מאַניאַק.

ס'איז אַ ווייטאַק אַזוי צו זאָגן,
אָבער דאָס איז דער אמת היינט:
דער קעמפֿער אין בלוט ליגט צעשלאָגן,
זיין שלעגער איז אַ נעכטיקער פֿריינט.

דער נעכטיקער פריינט פליקט פאסן
פון אלץ, שענדעט וואָרט, שענדעט בלוט,
שענדעט קלאס, שענדעט פאָלק און ראסע,
און זאָגט, ווי אלהים: עס איז גוט.

אויך דיר וועט דער פריינט פאַרראַטן,
ווען ס'וועט קומען די רגע פון שלאַק,
ער פאַרראַט זיין אייגענעם טאַטן,
ווייל עס שפּאַנט איבער וועלט דער מאַניאַק.

דער נעכטן ליגט טויט שוין פאַרשוויגן,
מען פאַרגראָבט דעם געפאַלענעם: ליג!
זיצן מאַמעס שוין ווידער און וויגן
נייע זין פאַרן קומענדן קריג.

ביסטו דאָך אַ יתסן אודאי,
ביסט יאָרן שוין אַבצן פון וויג!
קאָנסט שוין פירן אַ גאַנצע בריגאַדע
און פאַלן דער ערשטער אין קריג.

און דיין נאָמען וועט ווערן באַהאַלטן,
ווייל דו שטאַמסט ניט פון אַריער-שטאַם,
טראָגסט אַ גורל אויף זיך גאָר אַן אַלטן
און האָסט אויגן פון אַ יצחק-לאַם.

איבער הערצער די חיה'שע שנאה
צעוואַקסן האָט זיך ווי אַ ראַק,
איבער לענדער מיט גואל'שער מינע
שפּאַנט, שפּאַנט דער מאַניאַק.

און די קלוגע — די לייט פון וויסן,
און די שיינע — די לייט פון געזאַנג,
אויף זיין קאָפּ מיט זאַלבונגען גיסן,
פאַרשפּרייטן מיט בלומען זיין גאַנג.

זע, האָופּטמאַן — דער דיכטער פון „וועבער"—
צי באַגרייפסטו, מיין זון, אַזאַ שפּאַס ? —
איז געוואָרן אַ כבוד-גײבער,
אַ חנפה'ער פון נאַצישן גאַס.

און דאָ, אין דיין אַמעריקעס הייזער,
פאַרשנאַשקעט ביי אַ גלעזל וויין,
לאַכן אָפּ פון דיר אַ'ניעל און דרייזער,
און דאַרפן דיינע לערער דאָך זיין.

זיי זוכן אין דיר דעם שיילאָק,
און קנייפּן זיך אין יענקישער באַק,
און דאָרט שרייט מען : היטלער הייליק !
הייל, הייל, מאַניאַק !

זי רוקט זיך, זי קומט די כמאַרע,
אַ פינצטערע, ווי אַן אבל'ס זאַק,
די וועלט מאַכט אַ בלוטיקע וואַרע
פאַר דעם עולה-לגדולה מאַניאַק.

אין טאָג פון גאולה

אין טאָג פון גאולה האָט דאָס פאָלק געטאַנצט,
נאָר איינער אין דער שמחה האָט נישט מיטגעטאַנצט, —
דער גואל.

אין אָוונט ביי דער סעודה האָט דאָס פאָלק געוואַרט, —
אויבנאָן זאָל פאַרנעמען זיין כבוד־שטול
דער גואל.

געוואַרט, — און דאָס טאַנצן נישט אָפּגעשטעלט, —
— רייסט נישט איבער די פרייד, האָט פאַרזאָגט אין דער פרי
דער גואל.

דאָס פאָלק וואַרט אַ שעה, און צוויי און דריי,
און אַלץ פאַרנעמט נישט זיין אָרט אויבנאָן
דער גואל.

דאָס פאָלק גיט אַ קוק, און דערזעט מיטאַמאָל:
פאַרשוואונדן געוואָרן ווי פון אונטער די הענט
דער גואל.

דאָס פאָלק לאָזט מיט טענץ זיך אוועק איבער שטאָט,
און זוכט, — נאָר עס זוכט זיך אין ערגעץ נישט אָפּ
דער גואל.

און פלוצלונג, — פון ערגעץ דערגרייכט אַ געוויין,
און אַלע דערקענען אין קול, אַז דאָס וויינט
דער גואל.

דאָס פאָלק גיט אַ ציטער. און אָט — עס דערזעט:
אין אַ ליידיקער תפיסה זיצט אין עלנט און וויינט
דער גואל.

דער טאַנץ רייסט זיך איבער. — „צעשטערט נישט די פרייד,
צערייסט נישט דעם טאַנץ” — בעט מיט שטילן געוויין
דער גואל.

„נאָך שטאַרקער אין טאַנץ און נאָך שטאַרקער אין פרייד,
„ווי באַלד אַז איר הערט שוין ווי ס׳וויינט זיין געוויין
דער גואל.—”

— „מיר הערן דיין וויינען, נאָר זאָג אונדז, פאַרוואָס ?—”
— „צו באַווינען אייער פרייד —” האָט געזאָגט אין געוויין
דער גואל.

— „קום, זיין אויבנאָן—”, „זאָגט אַפריער מיר צו
מער די שמחה נישט אָפּהאַקן”, — זאָגט מיט געוויי
דער גואל.

— „מיר זאָגן דיר צו”, — האָט געענטפערט דאָס פאָלק. —
— „וועל איך איצטער אייך בענטשן” — האָט געזאָגט מיט געוויין
דער גואל.

דאָס פאָלק לאָזט זיך גיין צו דער סעודה צוריק,
און פאַרוים מיט געהייבענע הענט גייט און בענטשט
דער גואל.

עס פלאַקערט די שמחה. קאַפּעליעס און טענץ.
און הויך אויבנאָן זיצט אין עלנט און וויינט
דער גואל.

דאָס ליד פון טויזנט שויבן

דאָס ליד פון טויזנט נעכט, פון טויזנט שויבן: —
מיר דוכט זיך אַלעמאָל — איך ה י י ב ערשט אָן;
איך שפּיר דאָס פרישע ליכט פון אָנהייב גלויבן,
דעם פלאַטער פון אָן ערשטער יום־טוב־פאָן.

צי האָב איך ווען געזען אַזוינע שטערן?
צי האָב איך ווען געהערט אַזאַ געוויין,
וואָס לאָזט זיך איצט צו מיר דערהערן
דורך ווענט פון דורכזיכטיקן לבנה־שיין? —

דאָס ליד פון ברויט — געזאַנג פון רייפע זאַנגען,
דאָס ליד פון טויט — געזאַנג פון רייפע טעג, —
דאָס ליד פון אַרבעטסמאַן, וואָס איז געגאַנגען
אָן ערלעכער, אַ בראַווער אויף זיין ריינעם וועג.

געגאַנגען און געשטרויכלט, און געפאַלן, —
גערופן מיט אַן אימה'דיקער שטימע: העלף;
געענטפערט האָט אים ווער? — געיאָמער פון שאַקאַלן
און וואָיעניש פון הונגעריקע וועלף.

דאָס וואָיעניש האָט ער אין האַרץ פאַרנומען,
זיך אויפגעשטעלט צום וויטערדיקן שפּאַן,
און ס'האָבן אָנגעהייבן אים אַנטקעגנקומען
דער שקלאַף, דער אַרעסטאַנטניק און דער אָרעמאַן.

און אַלע האָבן זיי איין אויסגעשריי געגעבן,
אַזאַ געשריי פון טיפער לונג אַרויס:
מיר ווילן לעבן, לעבן, לעבן, —
און דאָס געשריי האָט זיי געבראַכט צום ה ו י כ ן ה ו י ז.

צום הויכן הויז אויף קאָלאָראַדער לאַנען
אַרומגערינגלט מיט באַרג ע ו ו ע נ ס און פּ אַ י ק ס פּ י ק,
איצט ליגן זיי, — זיי קענען מער ניט שפּאַנען,
נאָר זינגען — זינגען זיי נאָך אַלץ פון זון און גליק.

איך זינג מיט זיי אין כאָר, פאַרכאַפּט פון גלויבן,
אין כאָר פון אַרבעטסמאַן, פון אַרעסטאַנט און קנעכט;
איך זינג מיט זיי דאָס ליד פון טויזנט שויבן,
איך זינג מיט זיי דאָס ליד פון טויזנט נעכט . . .

קין און הבל

הבל ליגט אויפן פעלד דערמאָרדעט,
און קין זיצט איבער אַ טאָפּ און עסט.
ער שפּאַרט אין טאָפּ אַריין טיף זיין מאָרדע,
ווי אַ בער דעם שנוק אין אַ בינען־נעסט.

ס'איז האַלבער טאָג. די זון צעפּלאַקערט,
די ערד פאַרטריקנט, שטייניק וויסט;
אַ קליין שטיקל פעלד, נאָר וואָס צעאַקערט,
עס וואַרט אויפן זייער — וואַרט אומזיסט.

ער פרעסט זיך אָן, דער מערדערשער ברודער,
און גיט זיך אַ וואָרף מיטן פּנים אַרויף,
ער שנאָרכעט איין, און אין שנאָרך־געררודער
צעוואַקסט זיך נאָך מער זיין שטאָלענער גוף.

ווי אָנגעגנאַדלטע צעפּלאַכטענע דערנער
אַלע זיינע פינגער פאַרוואָרפן זיך קרום,
און איבער זיין שטערן רויטהאָריקע הערנער
זיינע ביידע שלייפן דרייען אַרום.

עס קומען חיות און שלענג אים צוקאָפּן
און בלייבן געליימט, געפּלעפט פון שרעק,
וואָס ס'וואַרפט אויף זיי אָן דאָס הילכיקע כראָפּן,
זיי דרייען זיך אום און קריכן אַוועק.

זיי קריכן אַוועק צום ברודער צום צווייטן,
ווייל יענער ליגט שטיל, אָן מינדעסטן ריר,
מיטן פּנים אַראָפּ צווישן גליבעס פון בייטן,
אָן אומגעוואָרפענער אויף אַלע פיר.

הבל ליגט שטיל מיטן מויל אַרונטער,
ווי איינער וואָס קושט פון דער ערד דעם שטויב;
און ווען אָוונט קומט און די זון גייט אונטער —
צעוויגט זיך איבער אים די גריוועס פון לייב.

דער לייב צעברומט זיך איבער הבל'ס צוקאָפּן,
ער וויל שוין אַריין אין הבל'ס געביין —
ווען קין, פאַרגאָסן מיט שווייסיקע טראָפּן,
גיט ווידער אַ כראָפּ און אַ קריץ מיט די ציין.

דער לייב וואַרט איבער, ביז ס'ווערט צעטראָגן
איבער אַלע רוימען קינ'ס כראָפּ,
ביז שטערן הייבן אָן מיט ליכט צו שלאָגן
איבער די ראַנדן פון ליידיקן טאָפּ.

דער לייב זינקט אַריין אין הבל'ס גלידער
מיט שוימיקן האַס צו טויטער רויב, —
און הבל — ער ליגט זיך מיטן מויל אין נידער,
און קושט אָן אויפהער פון דער ערד דעם שטויב.

פון שלאָף כאַפּט זיך אויף דער ברודער, דער קין,
ער גיט אַ געניץ — אַנטלויפט דער לייב;
דער קין וויל ברודערשאַפט ווידער באַנייען —
איז אָבער פון הבל'ען פאַרבליבן נאָר דרויב.

אַ קאָפּ. אַ פוס. צעברעקלטע ריפּן.
דער קין וואַיעט אין טאָפּ אַריין;
און הבל'ס קאָפּ — איצט אַרויף מיט די ליפּן —
ליגט שטיל און שמייכלט צום אָוונט-שיין.

די גאַטער

איך וואָלט גענומען די גאַטער
און זי צעשפּאָלטן,
כּדי זען פון אינעווייניק
איר יאָדערדיקן תּוך,
אויך זען, צי איז דער יאָדער
אַלעמאָל פאַרשאָלטן
צו זיין געפורעמט
לויט אַ גרייטן פורעם נאָך.

אַנטקעגן פענצטער מיינעם
שטייט אַ הויכער טורעם,
און אויפן טורעם שטייט
אַן אַפּליימער פון בליץ,
און אויף אַ בעט אַנטקעגן מיר
אַ יונג ליגט אין יסורים,
און זיינע אויגן פלאַקערן
אין גסיסה־היץ.

און אויף אַ שויב צעפלאַטערט זיך
אַ שמעטערלינגל,
און צווישן שויב און טורעם
שטייט אַ סלופּ;
און ווּיסן וואָלט איך וועלן —
צווישן סלופּ און יינגל
און הייך און שמעטערלינגל
צי ס'איז דאָ אַ קנופּ?

אין גראָז טאַנצן
היישעריקן־שפּרינגער,
און ווייט ביים האָריזאָנט —
אַ בלויער ים,
און אויף אַ זינקענדיקן קישן —
פינגער, פינגער,
ווי אויסגעמאָלטע, איינגעפּאַסטע
אין אַ ראַם.

און אָט לויפט דורך
אַן אויטאָמאָביל מיט שטורעם —
פאַרוואָס זאָל אויך דער סלופּ
נישט טאָן אַ שפּרונג?
פאַרוואָס זאָל אויך
נים אויפשפּרינגען דער טורעם,
און אויך אַזוי
די ווייסע הענט פון יונג?

אַזאַ מין פרעג, איך ווייס,
האָט קיינמאָל נישט געגאָלטן,
קיין ענטפער איז נישטאָ
און וועט נישט זיין דערויף;
איך וואָלט דערפאַר גענומען
די נאַטור און זי צעשפּאָלטן
און אויסגעקערט זי
מיטן סאַמע האַרץ אַרויף.

און גאָט אַליין וואָלט איך
גענומען און ענטפורעמט,
איך וואָלט געמאַכט
אַן אויטאָ פון זיין צונג,
פון זיינע פיס — אַ סלופּ,
און פון זיין קאָפּ — אַ טורעם,
און פון איעדער האַנט זיינער —
אַ שטאַרבנדיקן יונג.

ערשטער מײַ אין אַ צאַרישער תּפיסה אין סיביר

דאָס טויטע הויז אין צפון־לאַנד אין וויסטן —
אויף שלאָס און איינזאַמקייט פאַרהאַקט,
אין תּפיסה זיצן קעמפער־סאָציאַליסטן
אין ניט־באַהייצטע קאַמערן פאַרפאַקט.

דער צאַר האָט זיי אַהער פאַרוואָרפן,
אויף ביידע פיס זיי אָנגעטאָן אַ קייט,
זיי זאָלן דאָ אין עלנטקייט פון צפון —
געפאַלענע אַריינזינקען אין טויט.

בײַ אַלע טויערן, בײַ אַלע טירן,
אויף אַלע טורעמס פון פאַרצאַמטן הויף,
סאָלדאַטן פולבאַוואָפנטע מאַרשירן,
און דרייען זיך ווי אין אַ כּישוף־דרייף.

די פּנים'ער פאַרצויגענע מיט גליווער,
די פלייצעס שטאָליק, ווי דער שלאָס פון צעל;
עס זייגען דיק די ווענט פון קאַלטן קבר,
און דיקער נאָך — דעם שומר'ס קאַלטע פעל.

די ווינטער־נאַכט — זי יאָמערט און געדוויער,
אין שטורעמווינט און ווירבלענדיקן שניי,
אויף הוילע ברעטער איינגעפּאַסט אין מויער
די קעמפער שלאָפן אויסגעלייגט אין ריי.

אין לעמפּל האָפּקעט זיך אַ פּלעמל־צינגל,
און שאָטנס דרייען זיך פון גוף אויף גוף,
אַ קול אַ שאַרפער, ווי אַ מעסער־קלינגל,
די טויטע שטילקייט מיטאַמאָל רייסט אויף.

מען ווייסט נישט ווער האָט דאָס געשריי געשריגן,
די וועכטער לויפן אום פון טיר צו טיר,
און זייער חידוש וואַקסט, ווייל אַלע ליגן
פאַרשטומט, ווי ביז אַהער, אָן מינדסטן ריר.

און ווי זיי זעצן זיך אַוועק — די וועכטער,
אַזוי צעטראָגט זיך ווידער דאָס געשריי, —
געשריי פאַרוואַנדלט זיך אין אַ געלעכטער,
און קעמפער גיבן זיך אין שלאָף אַ דריי.

דער ווינטער איז אַ לאַנגער און אַ בייזער,
הדשים גיין ער פייניקט ס׳גאַנצע לאַנד
מיט שטורעמס פינצטערע, ווי ס׳האַרץ פון קיסר,
מיט נעכט מיט גרויליקע, ווי תליונ׳ס האַנט.

די קעמפער אין די קאַמערן פאַרשטיקטע,
פאַרפייניקטע פון הונגער און פון קנוט, —
זיי זיינען נאָר אין גוף געווען באַזיגטע,
נאָר ניט אין גייסט, נאָר ניט אין לעצטן מוט.

דער מוט פון זיי איז ניט געווען געבראָכן,
זיי האָבן שווייגנדיק געוואַרט און זיך געגרייט
אויף טאָג פון אויפשטאַנד — אויפגאַנג פון נצחון,
ווען פאָלק וועט זיי באַפרייען פון דער קייט.

דער גוטער חלום האָט זיין טרייסט געשפּונען
אויך איצטער, אין פאַרזונקענקייט פון נאַכט, —
ער האָט אויף טייכן און אויף טאָיגעלאַנד געפּונען
די פרילינג-בשורה און אהער געבראַכט.

אין פרייד פון אַ באַגינען אַ צעהעלטן
דער חלום פון ביינאַכט מקוים ווערט ;
עס ווערן קלענער און עס פאַלן אָפּ די קעלטן,
עס שמעקט מיט פרילינג אויף סיבירער ערד.

— „שטייט אויף איר אַלע ווער ווי שקלאַפן" — —
אַ קול דערטראָגט זיך פון אַ קאַרצער-צעל,
און אַלע שפּרינגען אויף געפּלעפט און גאַפן —
דער ערשטער מאַי דאָך שטייט שוין אויף דער שוועל !

דער ערשטער מאַי — עס לויכטן אויף געזיכטער,
געפּלעפּטע גופ'ן גיבן זיך אַ ריס,
און אויף דעם רוף פון וועקנדיקן דיכטער
צעטאַנצן זיך די קייטן אויף די פיס.

דער טאָג דער לעצטער פון אַפּריל פאַרגאַנגען
(ווערט אויך די נאַכט שוין ווי ניט איז פאַרגיין)
אין גרייטן רויטע פאָנען און געזאַנגען,
און מער פון אַלץ — אין גרייטן ז י ך אַליין.

דאָס לייב זאָל זיין געגרייט פאַר שמיץ און קוילן,
דאָס לייב איז גרייט : — כ'בין ערשטער מאַי ! איך רוף !
געזאַנג, געשפּרונג דורך פייערן און גרוילן,
די רויטע פאָן אין שויבן פלאַקערט אויף.

— „שטיים אויף איר אַלע וועד ווי שקלאַפּן!" —
געפּאַך. געפּלאַטער. פּויסטן — — וועכטער, ציל!
עס שפּרינגען אויף די צינגלעך פון די וואָפן.
אַ קנאַל. אַ צווייטס, אַ דריטס. — און ווידער שטיל.

דערנאָך — געבראַזג, געטופּעריי פון קנאַפּל,
און שפּאַס פון פייניקער אין קנוט־געפּאַך:
— „אַנו, שטיים אויף, איר אַלע שקלאַפּן" — —
דערנאָך — אַ רו אַ זיסע . . . און דערנאָך — —

אויף אַלע טירן וויגן זיך צוריק די שלעסער.
די גופ'ן ליגן דורכגעקוילט מיט בליי,
און שמייכלען צו דער רו, וואָס וואַקסט אַלץ גרעסער,
און יום־טוב'ן ביז נאָכט דעם ערשטן מאַי.

ערשטער מאַי — ניו יאָרק, 1935

אויף יוניאָן סקווער מאַרשירן קאָמוניסטן,
אויף פֿינפֿטער עוועניו מאַרשירן סאָציאַליסטן, —
און צווישן בײדע מחנות — רײַטער פּאָליצײ.
די רײַטער האָבן אַ באַפֿעל — אַז אָך און װײ! —
צו אַכטונג געבן אַז די פּראָלעטאַריער־לעגיאָנען
זאָלן זיך ניט װאַרפֿן אײנער אויפֿן צװײטנס פּאָנען,
און זאָלן ניט, אין אויסבּרוך פֿון אַ ברודערשן געשלעג,
פֿאַרבּלוטיקן דעם יום־טובֿ'דיקן װעג. —
װײַל ערשטער מאַי איז הײַנט — דער פֿײַערטאָג פֿון בּרידער,
פֿון סאָלידאַריטעט און אינטערנאַציאָנאַלע לידער,
דער טאָג פֿון רויטער בּלום און אויסלײז־װאָונדער, —
דעריבּער און דערפֿאַר, הײסט עס, מאַרשירן זײ באַזונדער! —

אויף יוניאָן סקווער מאַרשירן קאָמוניסטן,
אויף פֿינפֿטער עוועניו מאַרשירן סאָציאַליסטן,
און צווישן בײדע מחנות — רײַטער פּאָליצײ
פֿון אָנפֿאַל אײנע אויף די צװײטע צו פֿאַרהיטן זײ; —
װײַל ערשטער מאַי, װײַזט אויס, איז הײַנט געװאָרן
אַ טאָג, װען שװאַכע לאָדן אויס פֿון זיך דעם צאָרן
אויף נאָך אַזױנע שװאַכע, הילפֿלאָזע װי זײ אַלײן,
אויף אײגן בּלוט און אײגענעם געבּײן; —
װײַל ערשטער מאַי, הײסט עס, איז מער שוין ניט דער שײנער מאַי.
ער ליגט אויף אַלע סקווערן אויסגעלײגט װי בּלײ,
און יאָמערט אונטערן טראָט פֿון די מאַרשירער,
און קלאַפּט מיט טרויער אין די קנעכלעך פֿון די פֿירער; —
װײַל שנאה, אַנשטאָט בּרודערשאַפֿט, האָט זיך פֿאַרזעצט
אין האַרץ פֿון אַרבּעטער צו אַרבּעטער, בּיז טויט געהעצט

דורך אַלע טעג פֿון יאָר. — דערפֿאַר מאַרשירן זיי צעשיידטע,
מיט אָנגעזאַמלטער פֿאַראַכטונג איינע אויף די צווייטע. —

אויף יוניאָן סקווער מאַרשירן קאָמוניסטן,
אויף פֿינפֿטער עוועניו מאַרשירן סאָציאַליסטן,
און צווישן זיי — צו אויסמיידן אַ ברודער־שלאַכט —
די פּאָליציי — אַז אַך און וויי! — זי היט און וואַכט, —
ווייל ערשטער מאַי איז היינט, דער טאָג פֿון רויטע בענדער,
דער טאָג פֿון ברידערלעכקייט און פֿון האָפֿענונג אויף ענדער,
דער טאָג פֿון „פּראָלעטאַריער פֿאַראייניקט אייך אין אַלע לענדער",
דער טאָג פֿון אויסזינגען דאָס ליד פֿון אויסדערוויילטע, —
דעריבער און דערפֿאַר, הייסט עס, מאַרשירן זיי צעטיילטע. —

— — און אויף אַ ראָג דערביי אין שאָטן ביי אַ קאַלטער וואַנט,
אַ זעט, — אַ מענטש אַזאַ! באַקאַנט און ניט באַקאַנט; —
ער שטייט אַן עלנטער און ס'וואַרפֿן אים די גלידער,
אַט, דוכט זיך, וועט ער באַלד אַוועקפֿאַלן אַנידער,
און געבן מיטן קאָפּ אַ זעץ אָן האַרטן שטיין,
און אויפֿזידן אין שוים, וואָס שפּאַרט פֿון זיינע ציין. —
אַ, זעט, ס'איז הירשקע לעקערט דאָך, — דער תּליה־ריטער,
דער מאָנער און דער אויפֿמאָנער פֿאַר שמיץ פֿון ריטער,
דער הירשקע לעקערט פֿון דער ווילנער שוסטעריי,
געזאַלבטער קעמפֿער פֿון לעגענדע ערשטער מאַי! — — —
אַ, הירשקע לעקערט, שוסטער־יונג, מיין ליבער,
וואָס שטייסטו אָן דער זייט און קייכסט אין פֿיבער,
און שלייכסט זיך אַ פֿאַרשאָטנטער ביי שטומע ווענט,
און ברעכסט מיט דיינע אויסגעלאָמטע הענט?
און דרייסט אין אַלע זייטן מיט דיין האַלדז־און־נאַקן,
און ס'טראָגט אַ יאָמער זיך פֿון דיינע אויסגעהוילטע באַקן; —
דאָס יאָמערסטו אַזוי, צי אפֿשר לאַכסטו גאָר?
און, זע, איך האָב פֿאַרגעסן פֿרעגן: טרוים, צי וואָר?

צי זע איך טאַקע אויף אַן אמת דיינע אויגן גליען?
און ווער האָט דיך אַראָפּגענומען פון דער תליה?
און ווער האָט דיך פון ווילנע אַזש געבראַכט אַהער
אויף העסטער סטריט נויאָרקער, און אויף יוניאָן סקווער,
צו שאַרן זיך אַ פרעמדער בײַ די ווענט,
פון קיינעם ניט באַמערקט, פון קיינעם ניט דערקענט,
און צוזען גאָר די שאַנד און גאָר דעם נידער
פון דיינע יורשים — שונאים אנשטאָט ברידער,
וואָס ריידן — ריידן אַלע שיין און גלאַט,
אין נאָמען פון דיין פרילינגדיקער טאַט,
אין נאָמען פון דיין תליה'דיקן מאַי,
און גייען — גייען זיי צעקריגטע דיר פאַרבײַ. —

אויף יוניאָן סקווער מאַרשירן קאָמוניסטן,
אויף פינפטער עווענױ מאַרשירן סאָציאַליסטן; —
דו קוקסט און זעסט פון רויטע פאָנען דאָס געוויג,
און פרעגסט: וואָס פלאַקערט שטאַרקער, — פאָן, צי ברודער-קריג?
אַ, הירשקע לעקערט, טייערער דו מײַן,
גראָב אַלע דיינע פראַגן טיף אין זיך אַרײַן, —
ווייל זע, עס האַלטן איצט נאָך אויך אין הענגען
די היימאַרקעט-מאַרטירער שפּיז און פּאַרסאָן און ענגעל,
און לינג און פישער, — זייער תליה-שטריק,
וואָס האָט פאַרוואָרגן זייער האַלדז מיט פופציק יאָר צוריק,
איז שטייף נאָך ווי געווען, און איז פאַרשאָטן
מיט שטויב-פאַרגעסנקייט, און זייער שאָטן,
וואָס וויגט זיך אום אָט איצט אַריבער יעדער פאָן,
ווערט ניט געזען פון קיינעם. — יעדער איז אין זיך פאַרטאָן.
דער שווערד פון הורבן קומט אויף גאָרער ערד,
און נאָר די קראַפט פון אייניקייט קאָן אָפּשטעלן דעם שווערד,
נאָר יעדער איז פאַרשאַלטן און אויף זיך אַליין פאַרביטערט,
און יעדער איז פון אייגענער צעשפּאַלטנקייט דערשיטערט. —

אָ, הירשקע לעקערט, טייערער דו מיין,
אַנטלויף ניט, וואַרט. — זאָפּ נאָכאַמאָל אין זיך אריין
צעריסענע געזאַנגען פון צעריסענע מאַרשירער, —
ירידה פון די יורשים פון מאַרטירער. —

אויף יוניאָן סקווער מאַרשירן קאָמוניסטן,
אויף פינפטער עוועניו מאַרשירן סאָציאַליסטן, —
ווייל ערשטער מאַי איז היינט, דורך דיר געהייליקט און געריייניקט,
דער טאָג פון „אַרבעטער אין אַלע לענדער זייט פאַראייניקט", —
דעריבער און דערפאַר, הייסט עס, מאַרשירן זיי פאַרדרייט,
פאַרביטערט און צעשפּאָלטן און צעשיידט. — — —

דער ליכטיקער זייער

(דרי ח. זשיטלאווסקין)

ווי מען באגריסט א טאטן, וויל איך דיך באגריסן
דערלייב מיר היינט צו זאגן דיר — דו,
אזוי ווי איך וואלט ריידן צום לויטערן געוויסן
אין רגע׳ס פון אויפגעלויכטענער רו.

מיין ווארט צו דיר גייט אויף אין לידער, —
די זאמען זייערע האסטו ג ע ז י י ט ;
עס קומען זיך צונויף איצט אלע ברידער
צו ברענגען דעם ז י י ע ר אביסל פרייד.

זיי קומען זיך צונויף פון אלע ארומען,
פון איבער ים, פון וויטסטן לאנד,
און ווער עס האט מזל דער ערשטער קומען —
רירט אן דער ערשטער דעם ז י י ע ר ס האנט.

מיט מתנות ברידער איך גיי אינײנעם,
כ׳וועל מיר אביסל אינמיטן גיין ; —
מיין מידקייט אבער פארטרוי איך ניט קיינעם,
ביז כ׳קום ניט אן צו דיר אליין.

איך קום און איך זאג : ז י י ע ר בראווער,
ניט האב פאריבל אויף א מידן גאסט ;
און דו זאגסט ליכטיק : זון, מיין חבר,
אונדזער כח וואקסט ווען עס וואקסט די לאסט.

נאָר דער וואָס האָט ליב — איז אמת'ער גבור,
די קראַפט פון וועלט אין זיינע אָדערן רינט,
די ליבשאַפט וואַקסט אייביק די שנאה אַריבער,
דער קאַמף דער גערעכטיקער אייביק ג ע ו ו י נ ט.

מיט ווייסן צווייט פון וואָרט צעבליטן
כ'וואָלט וועלן אַרומהענגען דיינע אַלע ווענט;
פאַרגיב ווען עס גיבן מיטאַמאָל א ציטער
אינמיטן יום-טוב מיינע ביידע הענט.

„איך דאָס וועט דורכגיין", — איך מיין דער ציטער.
איך וועגד מיין אויג צו שנייאיקער קרוין,
וואָס בלענדט אויפן באַרג אין זון צעגליטער,
און בלייבט אייביק ווייס און אייביק ריין. —

שטיינער און שטערן

מען זאָגט אויף מיר ש ו ל ד י ק , איך ברענג אום לעבן,
איך נעם אראָפּ קעפּ מיט ב ל ו י ז א וואָרט ;
מען זאָגט : ווי קאָן איך פאַרלאַנגען פאַרגעבונג ?
מיט לעצטע פאַרברעכער דאַרף זיין מיין אָרט.

מען זאָגט : אין ווינקלען זיצן מענטשן דערשלאָגן,
ווייל איך האָב אין זיי די רו געטויט ;
ווייל טרויער ברענג איך א פולן וואָגן
און טייל עס אַלעמען, ווי מען טיילט ברויט.

מען זאָגט : איך בין מערדער און גזלן האַרטער, —
אַוואו נאָר איך קום — בלייבט א שפּור פון בלוט ;
נאָר דאָן, ווען איך בין אונטערן שלאָס א פאַרשפּאַרטער,
גייט רואיק דאָס לעבן, איז אַלעמען גוט.

ביי הימל און ערד וואָלט איך בעטן רחמים,
איך וואָלט וועלן געפינען אויף זיך א זכות.
נאָר איך ווער איבער זיך גאָר אַליין א וואכמאַן,
און שלאָג זיך אַליין מיטן אייגענעם פּוס.

און מאָדנע, מאָדנע — איך וויל זיך דערמאָנען
ווי אַזוי און ווען איך האָב לעבנס געטויט ? —
און איך קאָן קיין שפּור פון מאָרד נישט דערקאָנען,
כאָטש אַלע מיינע טריט זיינען געצונדן רויט.

קעגן גזר און פאַראורטייל איז שווער זיך צו ווערן ; —
און אָט נעמט דער הימל, און אָט נעמט די ערד
צו האָגלען אויף מיר מיט שטיינער און שטערן,
און איך ענטפער רואיק איין וואָרט נאָר : ס׳ א י ז ו ו ע ר ט .

שפינאָזע

I

אינטעלעקטועלע ליבע

אינטעלעקטועלע ליבע צו גאָט. — — —
קיין גוטס, קיין שלעכטס ניטאָ. — —
די נאַכטיקע שוועסטער פאַרבאַט
זיין וואך אין שפּעטער שעה.

זי נעמט אַרויס פון מיין האַנט
שפּינאָזעס ווערק און זאָגט:
שוין שפּעט אין נאַכט, מיין פריינט,
די צענטע שעה שוין שלאָגט.

זי דרייט דאָס לעמפּל אויס,
זי פליסטערט צו: גוט נאַכט,
און שלייכט זיך אין שטילקייט אַרויס, —
דאָס בוך בלייבט ליגן פאַרמאַכט.

פאַרזונקען שלאָפט שפּיטאָל
אין צויבערלאַנד פון שניי; —
אַמאָל איז געווען — — אַמאָל —
ס'איז איצטער אויך אַזוי.

איך רייס די אויגן אויף
פון חלום'ען צו אָפט; —
געבן מיר אַ נייער גוף, —
שפּינאָזע ליגט און שלאָפט.

II

ווי קומט אהער ?

ווי קומט אהער אין קראַנקן־קאַמער
דער פילאָסאָף דער אמסטערדאַמער ?

איך קוק זיך איין — קיין צווייפל מער.
ס'איז ער. ס'איז ער.

די פולע ליפּן. די לאַנגע נאָז.
דער גאַנצער קאָפּ ווי אונטער גלאָז.

עס אָטעמט שווער זיין קראַנקע ברוסט
אין אָפּטן איבעררייס פון הוסט.

דרייהונדערט יאָר — ווי איין מינוט.
אויף ליפּ — אַ פרישער טראָפּן בלוט.

דרייהונדערט יאָר לבנה'ס שטראַלן
אויף קאָפּ און קישן פאַלן. פאַלן.

— אָ, גלעזלשלייפער, איך ריר דיך אָן.
וואַך אויף. שטיי אויף. דערקאָן.

III

ער זאָגט צו נאַכט

שפּינאָזע עפנט די אויגן
און זאָגט צו נאַכט, צו וועלט:
— אַז דו האָסט געהייסן זיך לייגן,
טו איך, ווי דו האָסט באַפעלט.

ווי קום איך אַהער אַריבער
נאָך הונדערטער יאָרן פון טויט? —
כ׳דאַרף אויסלעבן אַ נייעם פיבער,
כדי נאָכאַמאָל שטאַרבן מיט פרייד.

כ׳דערמאָן זיך מיין בוידעם־שטיבל,
די הייליקע מיינע פיר ווענט,
אויף יענער זייט האָס און פאַריבל,
וואו איך האָב מיין ליבע דערקענט.

ווי באַלד איך דאַרף ווידער שטאַרבן —
צעשטראַלט זיך מיין פּנים נאָך מער,
מיין ליבע וועט אייביק מיך אַרבן,
און כ׳וועל נאָכאַמאָל קומען אַהער.

IV

נישט געהערטער

איך עפן אויף דאָס בלוט פון לייב,
באַניי מיט דעם געהיימע ווערטער ;
איך בין געווען, איך בין און בלייב
באַשערטער — וועמענס ? — נישט געהערטער.

איך גיס צוזאַמען מיין געזיכט
מיט סוד פון ווענט, מיט סוד פון מויער ;
איך הער אַ קול : איך בין דאָס ליכט,
וואָס פליסט פון טויט אַריין אין ד ו י ע ר .

איך בין פאַראַן און נישט פאַראַן, —
איך זאָג עס הויך צו אַלע שטערן, —
דאָס זיינען רייד פון העלער וואָן,
און מענטשן טאָרן עס נישט הערן.

די טיפע קנייטשן אויף דער באַק,
זיי פלאַמען אויף ווי אין אַ פייער ;
איך שפּיר דעם אַנריר פון אַ האַק,
ווען שלאָף וויל ווערן מיין באַפרייער.

אַוועק פון מיינע אויגן, שלאָף,
איך וויל מיין גוף פאַנאַנדערבינדן,
און ליבשאַפט־גליק און ליבשאַפט־שטראָף
מיט מער נאָך פייער צינדן.

איך בין פאַראַן און נישט פאַראַן.
איך בין פאַריאָגט ווי אַ וואָלף פון יעגער ;
איך זינג דאָס ליד פון העלער וואָן
אויף ווייסער ערד און ווייס געלעגער.

V

נישט געזעטיקט

איך בין אלץ נאך נישט געזעטיקט
נישט מיט דיר און נישט מיט זיך ;
ווי א וואלף אין אונטן שפעטן
אין דיין ישוב איך פארקריך.

אונטער פענצטער לוג איך, קוק איך,
אויף דיין טרעפ איך צי זיך אוים,
מיט די אקסלען צוק איך, צוק איך,
ביז מיין שטומקייט ברעכט ארוים.

פון ישובים צו די פלוינען,
אלע שפורן זאפ איך איין, —
הונגער־אויגן ברענען, ברענען,
נאך מער הונגעריק צו זיין.

פון מיין ווילדקול ביז געלייטערט,
ביז מיין אויפגעלויכטןווארט, —
לויף איך, יאג איך ווייטער, ווייטער,
און קום אן צום אנהייבס־ארט.

קאן מיין ווארט די זעט נישט כאפן,
ביידע ליפן אין זיין קלעם, —
און די ציינער קלאפן, קלאפן,
ביז די נאכט מאכט צו איר ברעם.

איך בין אלץ נאך נישט געזעטיקט,
נישט מיט גייסט און נישט מיט גוף, —
האלט איך אין איין בעטן, בעטן :
קום צוגיין און לייז מיך אויף.

VI

מדבר

צו דיר, מדבר, מיין ווארט וויל זיך נויגן,
מיין קאפ איז גענויגט סיי ווי.
דער טרוקענער זאמד ברענט אדורך די אויגן,
דער דארן שטעכט דורך די קני.

אויף קורצער ווײַלע צו דיר געקומען,
וואלט קומען באדארפט אויף לאנג;
בין איך אלץ נאך ניט ראוי אויף אייביקן שטומען
פארבייטן דאס געדאכטע געזאנג.

בין נאך אלץ אין רשות פון גלוסטונג און ציטער
פון אויגן, פון ליפן, פון טריט,
פון חומר פון זאכן, פון שפע און גיטער,
פון האמער און אקער און שניט.

איך נעם אבער זען שוין דעם גאנצן עגול,
וואס שליסט זיך צונויף ארום מיר,
יעדער טאג — ווי א טיר מיט אן אייגענעם ריגל,
און פארריגלטער ווערט יעדע טיר.

מיין קאפ רוק איך אריין אין גרויסן עגול
אזוי ווי אין א קנופ פון א שטריק,
און נאכט קומט אן און וויגט מיך ווי א וויגל,
אהין און אהער און צוריק.

VII

נס

צי זעסטו ניט, אַז טואונג דאַרף זיין נ ס,
מיט האַרץ און קאָפּ — דורך מויער און דורך שלעסער;
ווי גרויס עס איז ניט דאָס געבעט: פּ אַ ר נ ע ס, —
איז דאָס געבעט: ג ע ד ע נ ק — נאָך גרעסער.

די ערד איז אָנגעלאָדן היינט מיט קראַפט און ליכט,
געבורטן רייסן זיך פון אירע איינגעווייד,
איעדעס גרעזל שפּראָצט מיט פ ר י י ד פ ו ן פ ל י כ ט,
היינט גיי צייל איבער אַלע גראָזן — אַלע פריידן!

אַן אַקער גראָבט זיך אין אַ ביט מיט טיפן זונק,
און שיכטן וואַרפן זיך ווי גלידער אין ענטציקונג;
איין וואַסערטראָפּן טראָגט אין זיך די פולקייט פון אַ טרונק,
איין אויפגעשמייכלט וואָרט — די פולקייט פון באַגליקונג.

שוין וויפל מאָל געווען באַשטראָפט, און וויפל מאָל
אין אייגענער אינקוויזיציע זיך געפערטלט;
ס'איז זיס די שטראָף און לייכט דער שווערסטער עול
פאַר איין באַריר, פאַר איין מאָל זיין געצערטלט.

כ'וויל נאָכאַמאָל געאַקערט זיין פון סאַמע ניי, —
אַ, פאַל אַראָפּ פון מיר, פאַרשטייפטער פאַנצער; —
איך רוף צו דיר ווי ס'רופט די ערד אין מאַי,
גראָב טיף אין מיר דיין בליק, געבענטשטער פלאַנצער.

מענטש געגאַרטער

מענטש געגאַרטער, ריינער, ג אַ נ צ ע ר ,
אויסגעטיילטער אין מיין פרייד, —
„— דו מיין פעסטונג, שוץ און פאַנצער — —"
זאָג איך נאָך בן ישי׳ס רייד.

ברענגסט מיר רו פון גרינע לאָנען,
טרינקסט מיך אָן פון פרישן קוואַל,
שטעלסט צוריק אויף מיינע שפאַנען
ווען איך שטרויכל, ווען איך פאַל.

אַז איך קום אין טאָל פון אַנגסטן,
און עס קלעמט מיך איין דער טויט, —
אויך אַהין דיין האַנט דערלאַנגסטו,
און דיין טרייסט אַהין דערגרייט.

שפרייטסט פאַר מיר אַ טיש אין ווייסן,
רויטער וויין אין בעכער גליט, —
זאָל זיך נאָר אויף שוועל באַווייזן
שאָטן־וואונק פון מיינע טריט.

וואו איך זאָל זיך ניט געפינען,
זע איך פלאַטערן צעהעלט,
ווי דער מזרח אין באַגינען,
פאָן פון גנאָד אויף דיין געצעלט.

זע ווי ווייניק

זע, ווי ווייניק איך פארלאנג :
געבן א פלי ווי אויף פליגלען
דורך אלע פאטאלע ווייטקייטן,
און גרייכן די טרעפ פון דיין שוועל.

אויסשטרעקן די האנט צו דער לבנה,
זי איז היינט אזוי ווײַס אנגעגאסן, —
און געבן זי א ציי ארונטער
ביז צו די טרעפ פון דיין שוועל.

א דריי טאן ס׳געזיכט צו קינדהייט,
א כאפ־טאן א זשמעניע מיט גאלד־האר
און אנצינדן עס ווי ווײַרויך,
און איינהילן די טרעפ פון דיין שוועל.

אויפהייבן מיין קול אין א תפילה :
— איך רוף צו דיר, גאט פון דער טיפעניש, —
און גאט דערהערט מיין רופן,
און נידערט אראפ צו דיין שוועל.

אנרירן גאט מיט מיין פנים,
און נאכדעם מיט אים זיך אוועקלייגן
אבר צו אבר, און איינדרעמלען
מיט אים אויף די טרעפ פון דיין שוועל.

און אין דרעמל זען ווי דו עפנסט
די טיר, — קומסט ארויס און דו לייגסט זיך
צוזאמען מיט אונדז צווישן ביידן,
און דרעמלסט מיט אונדז אויף דיין שוועל.

X

געבענטשט געזאַנג

געבענטשט געזאַנג פון אַל־געזאַנגען
אין העלער זון פון מיטן טאָג, —
מיין ליד אין דיר איז אויפגעגאַנגען —
אין לעצטער פרייד וואָס איך פאַרמאָג.

איך לערן זיך ביים בוים בטחון,
איך לערן זיך ביי גראָזן רו;
איך נויג זיך צו צום נאָנטן שכן —
אַ חלק רו איך טייל אים צו.

און אָנען וואונדער טו איך אָנען
אין צוגעפאַלנקייט צו ערד, —
איך בענטש די ווייטע וועלט פון דאַנען, —
מיין ברכה מוז איצט זיין דערהערט.

זי מוז. — אין קראַפט פון אַל־נסיון
מקוים ווערט וואָס איך פאַרזאָג;
געבענטשט געזאַנג פון לעצטע שעה'ן
אין העלער זון פון מיטן טאָג.

XI

צוויי מאָל צוויי איז פיר

די תאווה׳דיקע פעל
פון גוף אראָפּגעשיילט ;
וואָס טוט מיין ריינע זעל ?
זי ציילט, זי ציילט.

צוויי מאָל צוויי איז — פיר,
איך מאָל איך איז — דו,
דו מאָל דו איז — מיר,
מיר מאָל מיר איז — רו.

אין מזרח־זייט מיין קאָפּ,
די פיס אין מערב־זייט ;
יאָג גיכער, שטיי נישט אָפּ, —
נאָנט מאָל נאָנט איז — ווייט.

שאַרף ביים טיר. — סטוק, סטוק. —
ס׳איז אָפן, קום אריין, —
לויכט אויף אין לעצטן קוק, —
טויט מאָל טויט איז — זיין.

איך דאַנק פֿאַר אַל'ץ

אויפֿן שוועל פֿון מיין צימער
באַווייזט זיך אַ גאַסט, —
אַן אַלטער באַקאַנטער, —
באַווייזט זיך אַ גאַסט. — —

אויף די שכנים אויף מיינע,
אַז ער ווייזט זיך פֿאַר זיי,
(און ער ווייזט זיך פֿאַר זיי
אַזוי אָפֿט ווי פֿאַר מיר),
וואַרפֿט ער אַן אַ מהומה
און אַנגסטן פֿון ט ו י ט ,
און אַלע באַהאַלטן
דעם פּנים פֿון אים. —
נאָר איך קען אים אַנדערש,
און נעם אים אויף גוט,
אַזוי ווי מען נעמט אויף
אַן אורח אַ תּם,
אַן אורח אַ נאַר, —
ווייל ער איז אַזאַ נאַר,
אַזאַ מין נאַר,

ער האָט ניט קיין לשון, —
ער דאַרף עס ניט אויך. —
ער קומט נאָר באַווייזן
זיין גרייטקייט צו ט אָ ן .

צו טאָן פאַר מיר אַלץ,
צו גיין אין שליחות,
און אויספירן אַלץ,
ווי אַ שליח פירט אוים. —
ער איז פול מיט געדולד.
(ער וועט ז י י ן ציל דערגרייכן,
ווייל ער איז פול מיט געדולד) —
אַזאַ מין נאַר.

וואָס איך זאָל ניט זאָגן, —
שאָקלט ער צו מיטן קאָפּ;
צי רעד איך מיט כעס,
צי רעד איך אין רו, —
מיט אַ שטענדיקן שמייכל
שמייכלט ער צו. —
דאָס הייסט ער איז מ ס כ י ם.
ע ר איז מסכים אויף אַלץ,
ער איז מסכים מיט אַלץ.
ער האָט פאַרטיק זיין שמייכל
צו אַלץ און אויף אַלץ. —
אַזאַ מיר נאַר.

אַן וועמען דערמאָנט מיר
דער שליח — דער גאַסט? —
ער דערמאָנט מיר אַן איינעם
פון מיין אַמאָליקן שטעטל,
טאַקע מענדל דער נאַר —
אַזוי האָט ער געהייסן.
געווען איז ער אַ גבור,

איבער זעקס פוס די הויך,
און געווען איז ער אין שטעטל
דער וואסערטרעגער.
(ניט איינמאל שוין,
אז איך האב אים באזונגען,
ניט איינמאל שוין,
אז איך האב אים באוויינט) —
פון פרי ביז אוונט
איבער שטעטלשע גאסען,
מיטן לאנגן קאראמיסל
און צוויי פולע עמער,
פלעגט זיך הוידען, הוידען
מענדל דער נאר. —
אזא מין נאר.

אז מיין טאטע פלעגט ווערן
אויף מיר ווען אין כעס,
און פלעגט וועלן מיך טרעפן
מיט א גיפטיקן שטאך, —
פלעגט ער געבן א זאג,
ווי א ווארף מיט א נאדל
אין הארץ מיר אריין:
מענדל דער נאר! —

און פון יענע טעג אן,
אויף צו להכעיס דעם טאטן,
האב איך ליב און נאך ליבער
אויף שטענדיק געקראגן
מענדל דעם נאר. —
אזא מין נאר.

נעבן מיל איז געשטאַנען
אַ שטיבל אַן אַלטס,
און דאָרטן פלעגט שלאָפן
מענדל דער נאַר.
אַהין צו דעם שטיבל,
אויף צו להכעיס דעם טאַטן,
בין איך איינמאָל געגאַנגען
אין אַ זילבערנער נאַכט,
צו זען וואָס עס טוט דאָרט,
און זען ווי עס שלאָפט דאָרט,
אין עלנדן שטיבל
מענדל דער נאַר. —

און ווען איך בין אַריין
אין דעם עלנדן שטיבל,
אַ שלאָג האָט געטאָן מיר
אַ ליכט פאַר די אויגן: —
אויפן דיל איז געלעגן
פאַנאַנדערגעצויגן,
די פיס אין דער לענג,
און די הענט אויפן האַרצן,
אָן ריר און אָן אָטעם,
מיט אַ פּנים אַ ווייסן,
ווי אַ פולע לבנה,
מענדל דער נאַר. —
אזאַ מין נאַר.

פון יענע טעג אָן
אויף אַלע מיינע וועגן,
גייט מיר נאָך זיין אָפּבילד,
און קומט מיר אַנטקעגן.
און אַלעמאָל קומט ער

מיט פאַרטיקער גרייטקייט
צו טאָן, צו דערפילן
מיין מינדסטן פאַרלאַנג.
(ניט איינמאָל שוין,
אַז איך האָב אים באַזונגען,
ניט איינמאָל שוין,
אַז איך האָב אים באַוויינט). —
אין אים איז געראָטן
מיין איצטיקער אורח, —
נאָך מער ווי געראָטן! —
אַזאַ מין נאַר.

ווי אין שטאָלענע קייטן
ליג איך געפּענטעט,
און אַלץ אין מיר מאָנט:
פ ר י י ה י י ט , פ ר י י ה י י ט ! —
עפנט זיך דיר טיר,
און ער וואַלגערט זיך אַריין, —
אַזאַ מין צעשויבערטער
וואַלגערט ער זיך אַריין.
ער ברענגט אַ האַמער
און צעקלאַפּט די קייט;
ער ברענגט אַ האַק
און צעהאַקט דעם צאַם;
ער ברענגט אַ וואַלד,
ער ברענגט אַ פעלד,
מיט זאַנג און בלום,
מיט בוים און מאָך,
מיט שליאַך און טייך,
מיט הויף און שטוב . . .

פֿאַר מייַנעטוועגן אַלײַן.
ער גיט מיר אָפּ אַלײַן.
איך זאָל וועלן נאָר נעמען, —
ער גיט אַוועק אַלײַן. —
אַזאַ מין נאַר.

אויף אַ ווייסן געלעגער
ליג איך און חלום,
און אַלײַן אין מיר פֿיבערט:
ז י י ן. ז י י ן.
איך וויל מילך.
איך וויל פֿלייש.
איך וויל פּוטער.
איך וויל נאָך.
איך וויל נאָך.
איך וויל נאָך. —

קומט ער אַרײַן,
אַזאַ אומגעהױבלטער
קומט ער אַרײַן.
(אויפֿן שוועל פֿון מײַן צימער
אָט איז ער. אָט איז ער!) —
ער אײַלט און לויפֿט,
און ברענגט, און דערלאַנגט
געבעקס און פֿלייש,
און פּוטער און קעז,
און טיי און מילך,
און האָניק און ווײַן,
און עפּל און באַרן,
און מאַנדלען און ניס. —
וויפֿל איך וויל,

און ווען נאָר איך וויל. —
דאָס הייסט, — ער גייט נאָך,
ער גייט איין אויף אַלץ, —
ער גייט נאָך אין אַלץ,
מיטן פּאַרטיקן שמייכל
אין אַלץ און אויף אַלץ. —
אַזאַ מיין נאַר.

אַז דער טאָג ווערט ליכטיק,
ווערט ליכטיק אויך ער;
ער צעעפנט די ליפּן
אין זייער פולער גרויס;
ער צעגעמט די הענט
אין זייער פולער לענג;
ער נעמט זיך דרייען,
שפּרינגען און קוליען זיך,
וואַרפן מיט די ברעמען
און קנאַקן מיט דער צונג, —
דאָס הייסט — ער טאַנצט.
און אַלץ צוליב מיר;
דאָס טוט ער אַזוי,
כדי מאַכן מיך פריילעך,
איך זאָל פאַרפעלן צו זען,
ווי עס איילן די ווייזערס,
ווי עס קומט אָן די נאַכט. —
אַזאַ מיין נאַר.

דאָס קומען פון נאַכט
אָבער קען מען נים פעלן,

און אין מיטן פון נאכט
דערהער איך מיטאמאָל,
ווי עס קלינגען גלעקער
צוקאָפּנס מיר.
זיי קלינגען רויט.
סיגנאַל: געפאַר — —
פאַרוואָס געפאַר?
פאַרוואָס געפאַר?
פאַרוואָס געפאַר?
צי האָב איך ניט געוואוסט דען
פון אַלעמאָל אָן,
פאַרוואָס אין אַלץ
דו גיסט מיר נאָך? —
פאַרוואָס צו אַלץ,
פאַרוואָס אויף אַלץ
מיט גוטן שמייכל
דו שמייכלסט צו?
איך האָב געוואוסט,
איך ווייס עס אויך איצט,
און אָט בין איך גרייט,
איך בין גרייט אויף אַלץ,
און איך שיק דיר אַנטקעגן
אויך מיין שמייכל צו,
מיין אַלטער פריינט,
מיין שטומער גאַסט, —
כ'האָב אויך ווי דו
אַ לעבן לאַנג
אַ גוטן שמייכל
אונטערן ליפּ פאַרהיט. —

איך פאַרלאַנג ניט אַלץ ;
איך נעם נאָר מיין טייל,
ווי כ'וואָלט נעמען אַ ל ץ ;
איך האָב געהאַט מיין טייל, —
בין איך געווען אין אַלץ,
האָב איך געהאַט גענוג אַלץ.
און איך דאַנק פאַר אַלץ,
איך דאַנק פאַר אַלץ. —
אַזאַ מיר נאָר.
איך דאַנק פאַר אַלץ.

די באַלאַדע פון דענוווער סאַנאַטאָריום

ניט יעזוס שטאַרבט עס צוגעקלאַפּט צום צלם,
ניט משה — אויפן שוועל פון כנען-לאַנד,
נאָר נתן גיומאַן — הערט איך וועל דערציילן, —
אויף אַ פּראָסטן בעטל ביי אַ פּראָסטער וואַנט.

דערציילן איז אין אמת׳ן ניטאָ וואָס. —
ווען יעדנס לעבן הייליק וואָלט געווען
ביים צווייטן מענטש, — וואָלט אויך דער מלאך המות
אין יעדנס לעבן הייליקייט געזען.

נאָר ווער האָלט הייליק היינט דעם מענטשנס לעבן,
דעם צער פון בלוט, פון גלידער און פון הויט ? —
ווי קאָן מען אין לעגענדע היינט פאַרוועבן
אַן אומבאַקאַנטנס איינעמס גלאַט אַ טויט ? —

אַ טויט פון איינעם ניט קיין העלד, קיין גואל,
אַ טויט פון איינעם גלאַט אַ מענטש אַזוי,
וואָס ליגט ניט אין קיין צוגעדעקטן אוהל,
נאָר אויף אַ קרקע אונטער דענווער-שניי.

איך זאָג: מען האַלט ניט היינט דאָס לעבן הייליק,
ס'איז ערגער נאָך: — מען טרעט עס מיט די פיס;
איעדער, ווער עס קאָן טראָגט צו זיין חלק, —
און ווער האָט ניט קיין פיס, קיין ביקס, קיין שפיז?

פונדעסטוועגן, מיין האַרץ, ניט הער אויף גלויבן, —
און זאָל אין גלויבן אויפגיין אויך מיין ליד, —
אַז דער, וואָס איז אין אמת'ן דערהייבן,
פאַלט כורעים פאַר א י ע ד נ ס מינדסטן גליד.

ער ציילט מיט שרעק דעם צווייטנס פיבער-פולסן,
און מעסט זיין היץ, און קושט זיין קראַנקן שלייף,
און פאַלט אַליין אַריין אין טויט-קאַנוואולסן,
ווען זייגער-ווייזערל צעיאָגט זיך אין געלויף.

דאָס ווייזערל פון זייגער נעמט דאָן קלאַפּן
מיט דונער פון אַ מעטיקן וואולקאַן;
אַ קליינע טרער — מען קאָן זי קוים פאַרכאַפּן —
צעטראָגט זיך מיט געברויז פון אָקעאַן.

וואָס זיינען קלעפּ פון פויקן און קאַנאָנען
אַנטקעגן אַפּקלאַנג פון צוויי מידע הענט? —
און פלאַטער-בלענד פון ווייענדיקע פאָנען
אַנטקעגן אויפציטער פון קאָלנערל פון העמד?

ביים קראַנקנס בעט אַ נכנע'דיקער שטייט ער
אַ שטילער, ווי אין פעלד דאָס לעצטע גראָז, —
ער שטייט אַ שולדיקער, אָן אויפגעדרייטער,
וואָס קאָן קוים איינהאַלטן אין האַנט אַ גלאָז.

דאָס גלאָז מיט מילך, וואָס ניומאַן נתן
פאַרפעלט האָט אויסצוטרינקען פאַרן ג י י ן ;
דאָס קליינע גלאָז — קיין טראָפּן ניט פאַרנאַסן —
צערינט אין ניוועץ איצט פון זיך אַליין.

נאָר נתן ניומאַן — ווער אַזוינס איז ניומאַן ?
פאַרוואָס דערציייל איך אייך ניט וואָס און ווער ? —
נו יאָ. — ער וועט צוריק סיי זוי ניט קומען,
ער וועט סיי ווי צוריק ניט קומען מער.

נו יאָ. אַ מענטש אַזאַ. אַ נתן ניומאַן,
אַ ליבער יונג מיט אויפגעקרויזטע האָר. —
צו זעכצן יאָר איז ער אַהער געקומען
און אָפּגעלעגן אויף שפּיטאָל־בעט פופצן יאָר.

איך וואָלט געקאָנט פאַר אייך דערציילן זאַכן
פון זיינע אינגל־יאָרן. נאָר, פאַרוואָר,
עס וועט אים קיין זאַך אַזוי קלאָר ניט מאַכן,
ווי דאָס וואָס ער איז אָפּגעלעגן פופצן יאָר.

איך וואָלט פאַר אייך זיין דינעם גוף געמאָלן,
און אויך זיין קלוג געזיכט, נאָר ס'ווערט אייך קלאָר
זיין אויסזען בלויז פון ווידערהאָלן,
אַז ער איז אָפּגעלעגן פולע פופצן יאָר.

און אין די פופצן יאָר פון אַזאַ ליגן
אין צימערל פון דענוווערער שפּיטאָל, —
די וועלט, אויף יענער זייט פון שוועל און שטיגן,
האָט דורכגעמאַכט געשעענישן אַזאַ צאָל.

צו אלע וועלט־געשעענישן האָט ער — ניומאַן —
די פינגער אויסגעשטרעקט ווי ליכטלעך דין,
און דורכזיכטיק דורך זיי געזען, באַקומען
אַ ווייסע וועלט־נשמה און אַ ווייסן זין.

ער האָט זיין בענקשאַפט נאָך זיין היימיש שטעטל
פון זיך געיאָגט מיט שמייכל און מיט ווייַן:
— ס'איז אומעטום, האָט ער געשפּאַסט, איין בעטל,
און אומעטום די זעלבע פיבער־היין.

ער האָט געהיט אין זיך, אין הארץ באַהאלטן,
אַ העלן אָפּשיין פון אַ יחוס־דור, —
מארטירער, קעמפער — טרוים־געשטאלטן
פון אַ פאַראייביקטער און העלער וואָר.

ער איז אַליין דאָך שוין געווען אַ גרייטער
אריינצוגיין אין קעמפערס בראַווער ריי,
וואָס גייט צו נייער וועלט דורך פּיין און קייטן,
ווייל ער אַליין איז אײנער דאָך פון זיי.

ווייל ער אַליין אויף זיינע פּלייצעס דינע,
האָט שוין געהאַט געשלעפּט אי זאָרג, אי נויט,
אי שאַנד פון אונטערדריקונג, שאַנד פון שנאה,
אי שאַנד פאַר אומגעקומענע פון הונגער־טויט.

ער פלעגט אין שטעטל אַ פארכאַפּט־פארבליקטער
ניט אָפּטרעטן פון שוואַרצער תפיסה־טיר,
צו מיטגיין כאָטש איין גאַס מיט די פאַרשיקטע
אין זייער מאַרש צו אייביקער סיביר.

עֶר איז געווען צו יונג פֿאַר תּפֿיסה־קיטן,
נאָר ניט צו יונג פֿאַר טויטנדיקער ד ע ר *)
פֿאַר וואַנדערן פֿון איין שפּיטאָל אין צווייטן,
ביז אָנקומען אין ספּיוואַק־הויז אַהער.

אין ספּיוואַק־הויז איז ער געווען דער איינגסטער,
און איז אין לויף פֿון צייט געוואָרן בּכור;
זיין גוף — דער אויסגעאיידלטער, דער גרינגסטער, —
האָט דורכגעטראָגן אַלע פֿופֿצן יאָר.

געשמידט צום בעט — ניט איינמאָל זיך געשליידערט
אין לוסט און אין חלומות אויפֿגעבּרענט,
בּיז וואַנען ער האָט זיך דערפֿילט געלייטערט,
און „יע" געזאָגט צו זיינע שטילע ווענט.

דער יע האָט אויסגעדריקט אַ סך באַטייטן:
— כ׳נעם אָן. — — ס׳איז גוט. — — איך שמייכל צו.
די וועלט איז ד אָ. דאָס צימער האָט פֿיר זייטן.
און דאָקטער זאָגט: דער גאַט פֿון וועלט איז רו.

די זון גייט אויף אַקוראַט אַנטקעגן פֿענצטער,
די זון פֿאַרגייט אַקוראַט אַנטקעגן טיר;
דער טאָג דער לענגסטער, און דער טאָג דער קלענסטער
אין פֿולן קרייז אַרום די ווענט די פֿיר.

דער יע מיינט אויך: אַי גאווה, אַי הכנעה,
און פֿולער איבּערדרייס מיט י ע נ ע ר ז י י ט,
מיט די, וואָס האַלטן אין איין מאָרדן שעה׳ן,
מיט די, וואָס לינטשן נאָכאַנאַנד די צייט.

---

*) שווינדזוכט

דאָס ליד פֿון צייט ווערט הייליק אויסגעזונגען
ערשט דאָ אין קעניגרייך פֿון טובערקול;
דורך פֿלייטן — קעמערלעך־געוועב פֿון לונגען —
סעקונדן דינסטע ווערן אויסגעאָטעמט פֿול.

דער איבעררייס מיינט נאָר מיט וועלט פֿון גופֿן,
נאָר ניט מיט וועלט פֿון אויסגעטרוימטן גייסט;
די קאָמף־מאַרטירער — יענע טוט ער רופֿן,
און אָט אַ, דוכט זיך אים, ער נעמט און שפּרייזט.

ער שפּרייזט אַנטקעגן זיי. ער פֿליסטערט ווערטער,
די הענט מיט ליבשאַפֿט נעמען זיי אַרום;
נאָר ניין. — פֿאַרוווערט. ער מוז אַ ניט־דערהערטער
אַנידערלייגן זיך צוריק און שמייכלען שטום.

ער שמייכלט שטום. ס'איז גוט אַזוי צו שמייכלען. —
אַ גרויסע וועלט: אַ שראַנקל מיט אַ שלאָס.
אַ טישל. אויפֿן טישל אַ פּאָר ביכלעך.
אַ פֿיבערמעסטער און אַ פֿלאַש און גלאָז.

אַ זייגערל. אַ פּען. — — זיין גוטע שוועסטער
זי האָט אים אַ מתנה דאָס געשיקט. —
ער שרייבט איר בריוו מיט אותיות מיט פֿעסטע,
ער האָט הנאה ווען די אותיות ער דריקט.

ער האָט זי ליב. — ער גלעט דאָס ציפֿערבלעטל, —
און זי האָט אים נאָך מערער, מערער ליב. —
און נאָך איינע איז דאָ. — — ער נעמט פּאַפּיר אַ בלעטל,
און ס'יאָמערט אויף אַ ציטעריק געשריב.

יאָ, נאָך איינע איז דאָ. נאָר ניט קיין שוועסטער.
דאָס הייסט — אַ שוועסטער און נאָך עפּעס מער;
איר לעצטן בריוו צו זיינע ליפּן פּרעסט ער, —
זי האָט אים ליב, און ער האָט ליב נאָך מער.

ער שרייבט: — „איך וואַרט אויף דיר שוין לאַנג זאָלסט קומען,
„און מאָרגן קומסטו מיט דער באַן אַהער,
„דערפאַר אין אייל האָב איך די פּען גענומען,
„און לאָז דיר וויסן: — קום צו מיר ניט מער.

„זאָלסט קיינמאָל מער צו מיר ניט קומען,
„אפילו ניט צו זאָגן מיר אַדיע,
„מיין נאָמען רייס אַרונטער פון דיין גומען,
„ווייל איך האָב שוין צום טויט געזאָגט מיין יע.

„פאַרגעס מיך. איך פאַרזאָג. כ'בין גוזר.
„איך דריק צוזאַמען אַלע מיינע ציין,
„דאָס מיינט ניט, אַז איך רעד צו דיר מיט בייזער,
„פאַרקערט, אַ מילדקייט זינגט אין מיין געביין.

„איך האָב דיך ליב, דערפאַר דאַרף איך צערייסן
„איעדן בונד, וואָס בינדט דיך צו מיר צו,
„און איך וועל שנעלער דאַמאָלסט קאָנען שפּרייזן
„צום ציל, וואָס ליגט איך ווייס שוין קלאָר אַוואו.

„צופוסנס פון די ראקים שנייבאַצירטע
„אַזאַ בית עולמ'ל, אַ קינדישער כמעט; —
„אַ ערד אַ וויבערע, אַ ניט־גערירטע,
„אַ ערד אַ יום־טוב'דיקע, ווי אַ פרילינג־בלאַט.

„איך ראַנגל זיך מיט זיך שוין יאָרן, יאָרן
„צו קאָנען אָננעמען אָט דעם באַשלוס;
„איך נעם אים אָן איצט, ניט ווייל כ'בין געוואָרן
„אַזאַ מין שטאַרקער, נאָר דערפֿאַר ווייל כ'מוז.

„איך קוק אין טיפֿעניש פֿון פּיין און ליידן,
„און כ'דאַרף אַרונטערגיין צום סאַמע דעק;
„פֿאַרהיט איך דיך פֿון קומען מיך באַגלייטן,
„דערנאָך מיך איבערלאָזן און צוריק אַוועק.

„ביסט יונג. געהערסט דער גאָרער וועלט דער גרויסער,
„גיי לעב, און נעם פֿון אַלץ מיט פֿולער מאָס; —
„עס שיקן גרוסן דיר פֿון ליבשאַפֿט הייסער
„מיין פֿלאַש, מיין זייגערל, מיין פּען, מיין גלאָז. — —"

פֿאַרקלעפּט. אַ קלונג. די נוירס אַריינגעקומען.
— איך בעט אייך, שיקט אַוועק דאָס בריוול שוין. —
די נוירס איז שטענדיק גוט צו נתן ניומאַן, —
זי נעמט דעם בריוו און לאָזט צום טיר זיך גיין.

— „אַ רגע וואַרט! — אַ ניין, מען דאַרף ניט וואַרטן,
ס'איז גוט אַזוי. איך בעט אייך, שיקט אַוועק. — —"
די נוירס ניטאָ. — פֿון ניומאַנס האַלדז צעשפּאַרטן
נעמט שטראָמען רויטס אויף קישנס ווייסער דעק.

די נוירס איז דאָ צוריק אויף רוף פֿון גלעקל.
זי ברענגט אים הילף, שטעלט אָפּ דעם שטורץ פֿון בלוט.
ער ליגט. די הענט צעשפּרייט. אַ האַנט — אַ שטעקל,
נאָר אויפֿן מויל אַ גוטער שמייכעל רוט.

ער פרעגט : אָוועקגעשיקט ? — זי ענטפערט : זיבער,
נאָר רעדט ניט, ליבער, מער. — ער פאָלגט, ער ליגט.
אַלין נעמט זיך דרייען פלוצלונג גיכער, גיכער,
און ווי אַ הוידעלקע אַרויף־אַראָפ צעוויגט.

דאָס הוידען שטעלט זיך אָפ. ער אָטעמט גרינגער.
די נוירם מיט שווערטלעכקייט דעקט אים איין ;
זי גלעט אים איבערן קאָפ מיט הייסע פינגער,
ער אָטעמט איר באַריר אין לונג אַריין.

זי גייט אַרויס. אין זעליקייט ער דרעמלט.
אים חלום'ט זיך : — ער זעט אַ ליכט אין וואַנט,
דאָס ליכט באַוועגט זיך, טאַנצט און שפּרינגט צעפּלעמלט ;
און זע : ס'איז גאָר אַן אַדערדיקע מענער־האַנט !

אַ מענער־האַנט ? — פיליייכט די האַנט פון שכן,
פון איבער וואַנט, — דער אידישער פּאָעט ? —
נאָר ווי אַזוי איז האַנט אַדורכגעקראָכן
דורך וואַנט, און אָט דערלאַנגט זי שוין זיין בעט ? — —

— — אַ מאָדנער מענטש דער שכן, — וויל ניט ליגן.
ער שלײדערט זיך אַרום ווי אין אַ צעל ;
ער טראָגט אין זיך אַ גלגול פון אַ נגון,
און זוכט אַ תיקון אויף אַ בלוטיק שוועל. — —

דער שכן האָט, באַזוכנדיק אים נעכטן,
גערעדט פון היינעס און שפּינאָזעס טויט ;
צי קומט איצט ניט זיין האַנט צוזאַמענפלעכטן
דעם טויט פון אַלע אין איין וואונדער־קייט ? —

אַ, גוט איז אים געווען זיך צו דערוויסן,
אַז היינע איז געלעגן יאָרן אַכט,
און שטאַרק געקעמפט די אויגן ניט פאַרשליסן,
ביז וואַנען ער האָט פאָרם זיי צוגעמאַכט.

און נאָך מער גוט איז אים געווען צו הערן,
אַז אויך שפינאָזע איז געלעגן קראַנק,
און אויסגעפירט, דער טויט אליין זאָל ווערן
אַ ליבשאַפט-אויסשטראַלונג פון גאָטס געדאַנק.

און זע, — אַזאַ מין וואונדערלעכער ציטער:
אין דענוועך ליגט דאָך דוד עדעלשטאַט; —
צו היינע און שפּינאָזע זיין אַ דריטער
האָט ווער שוין ווען אַ זכיה דען געהאַט?

ער שמייכלט ווידער אויף. — אַזאַ מין העזה,
(ער גיט דערביי אַ פאַל צום ברעג פון בעט)
צו גלייכן זיך צום געטלעכן שפּינאָזע,
צו היינע דעם ראָמאַנטישן פּאָעט.

דערפאַר אָבער מיט וואָרימקייט אינטימער
באַגריסט אים דוד עדלשטאַטס געזיכט. —
און אָט איז ווידער אויף די ווענט פון צימער
די האַנט. די האַנט. — זי צייכנט אַ געדיכט:

— „אַ, גוטע פריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט צו צום קבר די רויטע פאָן,
די רויטע פאָן מיט די העלע פאַרבן,
באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן. —”

„— צו זינגען פאַרן טויט איז גוט אודאי,
נאָר מיר אַזוינס, דו זעסט, איז ניט באַשערט;
נאָר יאָ באַשערט, אַז ערד פֿון קאָלאָראַדאָ
דורך דיר, פּאַעט, זאָל ווערן אייגן ערד.

אַ גוטע פֿריינט, ווען איך וועל שטאַרבן,
טראָגט אויך צו מ י י ן קבר די רויטע פאַן — — — —"
און ניומאַן פלוצלונג פילט באַריר פון שאַרבן
און פייקלדיקע שרויט פון צאָן אויף צאָן.

אין ניומאַנס האַלדז גיט עפעס זיך אַ גאָרגל
און פאַלט צוריק אַרונטער מיט אַ שלונג. — — —
אַזוי האָט אין אַ ליכטיקן פרימאָרגן
זיך אָנגעהייבן ניומאַנס לעצטע וואַנדערונג.

*

דער שכן — דאָס בין איך. דער גוסס ניומאַן
פאַרכאַפּט האָט מיך, אינגאַנצן צוגעשמידט
צום צימער זיינעם. ווי נאָר טאָג פלעגט קומען,
פלעג איך שוין אָפּהיטן דער גוירסעס טריט.

צו אָפּנעמען אַ גרוס, זיך קוים דערוואַרטן
אויף איר פאַרבייגעזאָג: ער איז נאָך דאָ. —
איר קול, דער שטענדיק אויפמערקזאַמער, צאַרטער,
פלעגט אָפּהילכן מיט גזר אין פריער שעה.

ס'איז קלאָר געווען: די טעג זיינען געציילטע,
און אפשר שוין די לעצטע שעה קומט אויף;
נאָר כחות וואונדערלעכע, אויסדערוויילטע,
פון ערגעץ פלעגן צושטראָמען צו ניומאַנס גוף.

זיי שטראָמען צו. ער טוט אַ הייב די ברעמען,
אויף ביידע ליפּן ליגט זיך אוים אַ שיין.
ס'גאַנצע געזיכט אַ קלוגשאַפט טוט פאַרנעמען,
אין לונג אַ נייער אָטעם קומט אריין.

ער ליגט און הערט דאָס צוקלאַפּן פון טירן,
און ציילט די שטראַלן פון פרימאָרגן־שיין;
ער וויל נאָר איינס: ס'באַוואוסטזיין ניט פאַרלירן,
ביז סאַמע סוף אַ האַפּערדיקער זיין.

ווי נאָר איך טרעט דעם שוועל צו אים אַריבער,
אַזוי דערשפּירט ער גלייך און זאָגט: האַלאָ,
און שמייכלט צו דערביי: — „בין הייגט אַ גבור,
„צוריקגעשטויסן אויף אַ שפּאַן די לעצטע שעה.

„ניט האַלט מיך אָפּ פון רעדן. גוט צו רעדן,
„צו הערן זיך אַליין אין דער מינוט;
„מען דאַרף זיך זעגענען, מען דאַרף זיך שיידן,
„און אפשר אַן געזעגענונג איז אויכעט גוט.

„איך וויל נאָך אַט וואָס פאַרן טויט פאַרכאַפּן:
„מיט אַלע מארכן ט ר א כ ט ן ו ו ע ג ן ג ו ף,
„באַוואונדערן פון אייגענע ציין דאָס קלאַפּן,
„דאָס וואַקסן פון אַ שטערנבערעם אַרויף.

„אַ קיינער ווייסט דאָך ניט, וואָס מיינט אַ פינגער!
„אַ זעט, ווי וואונדערלעך אַ נאָגל איז;
„ווי גרוים עס איז אין האַלדז דער נס פון שלינגער,
„און, הערט, ווי אייביק איז ס'געזויין פון פיס!

„אַ מאָדנע זאַך: פון אַלע מענטשנס גלידער
„די פיס פאַרגייען שטענדיק אין גערוויין,
„זיי ווערן קאַלט, זיי ווערן מיד און מידער; —
„נו זאָגט, וואוהין וועל איך פון דאַנען גיין? — —

„כ׳וואָלט אָפּגעגעבן אַלץ, אַבי צו קענען
„אַן אויסגעגלייכטער זיצן כאָטש איין שעה,
„כדי צו זען דעם טויט זיך שטיל דערנענען,
„און זאָגן רואיק: ס׳איז קיין טויט ניטאָ.

„נאָר וואָס קאָן איך אַוועקגעבן צו וועמען?
„דעם סכום פון מיין פאַרמעג איר ווייסט דאָך קלאָר;
„פונדעסטוועגן, איך בעט אייך — היינט נאָך נעמען
„צו זיך אין צימער מיינע זאַכעלעך די פאָר.

„דאָס זייגערל און פען שיקט אָפּ מיין שוועסטער. —
„זי וועט ניט זען מיך מער. — אודאי אַ פאַרדראָס.
„און אפשר גוט אַזוי. און אפשר בעסער. — — —
„און אייך שענק איך אַוועק דאָס בוך און גלאָז.

„איר טראַכט מסתמא — זע, ער ציטערט שרעקלעך
„צו שטאַרבן; זאָג איך אייך, און גלויבט, אַז ניין. —
„כאָטש טייער זיינען מיר די קליינע ברעקלעך,
„וואָס ס׳פאַלט מיר צו פון לעבנס זאַטע ציין.

„בין מיד. כ׳וועל איינדרעמלען. כ׳וועל רוען.
„כ׳וועל זען מיין שוועסטערס טרויעריק געזיכט;
„און איר, דערווייל, קוקט אין שויב ווי ס׳גליען
„די ראָקי בערג אין זילבערדיקן ליכט.״

ער קערט אַליין דעם קאָפּ אום צו די שויבן.
ער זעט די בערג. זיי האָבן אים דערקאָנט.
די ראָקי בערג מיט ווייסע קעפּ געהייבן,
כאָטש ריר זיי אָן, זיי ווערן אַזוי נאָנט.

זיי שטייען אויסגעפּוצט אין העלע שנייען,
צונויפגעשמידט אין ברידערלעכער קייט,
און רויטע פליגלען איבער שפּיצן ווייען,
און ווערן זילבערדיק אַליין, פאַרשנייט.

די העכסטע שפּיצן בויגן זיך אַריבער, —
אָט, דוכט זיך, גיבן זיי די קייט אַ ריס,
און נעמען שפּאַנען איבער טאָלן, גריבער
מיט מייליקע בראשית׳דיקע פיס.

ער דרעמלט איין. איך זיין. איך היט אים.
איך נעם אַריין אין זיך זיין גאַנצן מהות. —
אַרויף — אַראָפּ צעשטורעמט זיך זיין אָטעם,
צעכוואַליעט זיך, ווי אויפגעברויזטער פלום.

זיין קערפּער וואַרפט זיך. אַלע ווענט זיך וואַקלען,
ווי פלאַצנדיקע דאַמבעס. טאָג-זון צינדט
פון שויב צו שויב רויט-פייערדיקע פאַקלען,
און שליידערט זיי אַרום אין ווירבל-ווינט.

דער ווירבל-ווינט לאָזט נאָך. פון ניומאַנס שלייפן
אַ קאַלטער שווייס נעמט רינען טראָפּנווייז,
און בלויע צוויי אַרומגעפּאַסטע רייפן
אַרום די אויגן טרעטן שאַרף אַרויס.

איך זיץ. איך היט. איך ווער אליין פארשלונגען.
כ'ווער אויפגעלייזט אליין אין סוד פון פיין,
אין סוד פון זען ארויסהויכונג פון לונגען
דורך שויב דורך אפענער אין זון אריין.

איך זע עס קלאר מיט מיינע ביידע אויגן,
איך ווער אליין א טייל פון אט דעם הויך,
דאס צימער ווערט ווי מיט א הויט פארצויגן,
און אנגעפילט מיט ברענעניש און רויך.

זיין אטעם פלאמט. זיין אטעם שפריצט מיט פונקען.
אויף ליפן נעמען זידן בלעזלעך שוים;
זיין גאנצער גוף, אין הין־הער־פלעט פארזונקען,
נעמט ברענען ווי אין מיטן וואלד א בוים.

ניט איין בוים ברענט. עס ברענען אלע ביימער,
ארומגעכאפט ווערט גאנץ שפיטאל אין פלאם;
און איך בין ניט קיין שכן מער, קיין שומר,
נאר אויך, ווי ער, א טייל פון פייער־ים.

און אלע זיי, די שכנים־פאציענטן,
זיי פלאקערן אין שטורעם און אין שטורץ,
און זינגען דאס געזאנג צום טויט דערקענטן
מיט ווערטער איינגעהאלטן — ווערטער קורץ.

און מיטאמאל פון שפיצן ווערן פלאכן,
די ראקים טליען אונטער שווארצן רויך;
די פלאמען — אוים. עס ווערן שטיל די קראכן,
די ראקים לעשן זיך, און ניומאן — אויך.

און נאָכאַמאָל געשעט: ער גיט אַ צאַפּל,
ער זעצט זיך כמעט אויף און שמייכלט אויף:
— איך בעט אייך, רופט די נוירס, איך וויל פאַרכאַפּן
אַרומוואַשן און אָנטאָן פריש מיין גוף.

די נוירס — זי קומט: האַלאָ, מיין גיומאַן ליבער.
זי טוט אים אויס, און וואַשט אים זיין געביין;
זי לייגט אים אויף אַ זייט, זי קערט אים איבער,
און רייניקט אים די נעגל און די ציין.

די זון צעגיסט זיך איבער שטאַרע ריפּן
און דאַרנדיקע קני, — די זון שפּרינגט אָפּ.
נאָר הענט פון נוירס, ווי קושנדיקע ליפּן,
זיי נעמען אַלע אברים דורך פון פוס ביז קאָפּ.

זי וואַשט אים, ווי אַ הייבאַם באָדט אַן עופל,
אַן ערשט־אַרויסגעקומענעם פון מוטער־טראַכט;
זי טוט אים אָן אַ העמד, פאַרבינדט אויף שלייפל,
און שפּרייט די בעט אויס ווייס, אויף ניי געמאַכט.

זי ציט אים אויס, פאַרדעקט אים מיטן ליילעך,
דערלאַנגט אים צו די ליפּן אַ געטראַנק, —
און גיומאַן שפּאַסט: אַמאָל איז געווען אַ מלך,
געקיניגט זייער, זייער, זייער לאַנג.

די נוירס צעלאַכט זיך, וויזט אים מיטן פינגער
ער זאָל ניט רעדן. גייט אַרויס. און ער —
אַן אויפגערוימטער, אַ צעלויכטענער, אַ גרינגער, —
זאָגט: — שכן גוטער, כ'בעט אייך, קומט אַהער.

ער שטרעקט מיר אויס אַ האַנט אַן אויפגעקלעמטע,
איך זע — ער האַלט דאָס זייגערל, די פּען. —
„—האָב צונעגרייט פאַר אייך, — איך בעט אייך, נעמט עס
„ווייל היינט ווער זיכער עפּעס וואָס געשען”.

עס האָט געוויינט פון אים מיט ערב יום-טוב,
נאָר מיר האָבן זיך אַ בראָך געטאָן די קני, —
ניט נעמען — וואָלט עס מיינען צער אים אָנטאָן,
און כ'האָב אין שרעק מיין האַנט געטאָן אַ צי.

נאָר דאָ האָט זיין האַנט זיך פאַרדרייט אין פלאַנטער,
און ער האָט דורך די ציין געטאָן אַ זאָג :
— כ'וועל מאָרגן אייך דאָס געבן, האַ, וואָס זאָגט איר ?
זאָל ליגן עס ביי מיר דאָ נאָך אַ טאָג. ——

— געוויס, געוויס, האָב איך געזאָגט פאַרלאָרן,
זאָל ליגן מער נאָך ווי אַ טאָג ביי אייך, — וואָס הייסט? —
נאָר מיינע ווערטער האָבן אויפגעוועקט נאָר צאָרן,
ווייל ס'האָט געוויינט פון זיי מיט פאַלשער טרייסט.

די אויגן האָבן אים גענומען ברענען,
און ס'האָט פון זיי מיט וואוט געטאָן אַ שלאָג :
„— איך בין גענוג נאָך שטאַלץ אין זיך צו קענען
„ניט בעטלען קיין נדבה : — נאָך אַ טאָג.

„וואָס מיינט איר — מער ? וואָס מיינט איר — ליגן ?
„צי רעכנט איר, אַז שטאַרבן איז מיר שווער ? — —”
און אַלע מיינע רייד אים איינשטילן, פאַרוויגן,
זיי האָבן אויפגערייצט זיין שטאָלץ נאָך מער.

נאָר גלייך איז ער צוריק צו זיך געקומען,
און קינדעריש געזאָגט :„איך בעט, פאַרגיט, —
„זאָל בלייבן אין זכרון ביי אייך, אַז ניומאַן
„האָט פאַרן טויט זיין שטאָלץ דאָך יאָ פאַרהיט.

„שפּינאָזע, האָב איך, ווערט אויף מיר ניט בייז זיין
„פאַר צולאָזן אַ כעס א י צ ט אין האַרץ אַריין;
„ניט יעדער פאַרן טויט, ווי ער, קאָן גרויס זיין.
„נאָר ריין און לויטערדיק קאָן יעדער זיין.

„און איצט נעמט טאַקע צו פון מיר די זאַכן,
„זיך אָפּבינדן פון זיי מיינט איצט אַ סך:
„איך וועל די אויגן מיינע ניט פאַרמאַכן,
„ביז וואַגען כ'וועל ניט פ ר י י פ ו ן מ י נ ד ס ט ע ר ז א ך.

„און איר — מיין שוועסטער — זאָלט איר זאָגן,
„אַז נוירם האָט היינט מיך אויסגעבאָדן ריין,
„אַז מיינע האָר זיינען געווען פאַרצוואָגן,
„און זויבער מיינע נעגל און די ציין.

„און אַז איך האָב ביים שטאַרבן ניט געליטן,
„און אַז איך האָב געזען מיט אויגן קלאָר
„די זון אין הימל אויפן רעכטן מיטן,
„און אַלץ געווען איז ווייסע העלע וואָר. — —"

איך האָב דאָס זייגערל און פען געהאַלטן
אין מיינע הענט, און צוגעקוקט, ווי ס'טראָגט
אַ לעצטער אָטעם זיך אין טאָג צעשטראַלטן,
און ס'ווייזערל — עס יאָגט, עס יאָגט, עס יאָגט. — —

*

אַ נײַן, צען מאַן אין דענווער טהרה־שטיבל,
אַ נײַן, צען מאַן בײַ אָפּגעדעקטער גרוב,
אַ ברעטל מיט אַ נומער אויפגעשריבן, —
אַט דאָס וועט זײַן איצט ניומאַנס נײַע שטוב.

אין שכנה׳שאַפט מיט עדעלשטאַטס מצבה,
אין זעלבער ריי, ניט ווײַט, אַ שפּאַנען צען;
מען האָט געשאַטן און פאַרשאָטן ניומאַנס קבר,
און איך בין אויך דערבײַ אַלײן געווען.

דאָס אויג דערבײַ האָט זיך געקלאַמערט
אָן עדעלשטאַטס בית עולמ׳שן גראַניט,
אויף דעם גראַניט זײַן קאָפּ איז אויסגעהאַמערט,
און זײַן באַגלייטנדע צוואה־ליד:

„אָ, גוטע פרײַנט, ווען איך וועל שטאַרבן
„טראָגט צו צום קבר די רויטע פאָן,
„די רויטע פאָן מיט די העלע פאַרבן
„באַשפּריצט מיט בלוט פון אַרבעטסמאַן. — — —”

מען גייט דערנאָך אַוועק. מען לאָזט אַלײן איבער,
דעם יונגן קבר אין דעם אַלט גראַניט,
מען גייט צוריק אין קעניגרײַך פון פיבער,
אין מיטן העלן טאָג. און איך גיי מיט.

אַזאַ מין וואונדער־טאָג האָט ווען געזען ווער? —
אַ חוץ די העלזעער די נײַן, די צען,
צופוסנס פון די ראָקי־בערג פון דענווער,
האָט קיינער אַזאַ זעאונג ניט געזען.

אויפן ים.

מיר פאָרן אַריין אין נאַכט
אויף שוימען פון ים׳יקע תהום׳ען. —
וואָס האָב איך די תהום׳ען געבראַכט?
אַ חלום — אַ קלאַנג פון אַ נאָמען.

צי קען נאָך ווער זיכערער זיין,
ווי איך בין אין חלום׳ען זיכער? —
מיין חלום — איך טו אים אַריין
אין אָפּגרונט פון טאָוולנע ביכער.

און דאָ, פאַר דיין אָנגעזיכט, ים —
איך שטיי ווי אַ אינגל דערשראָקן,
כאָטש ס׳האַרץ מיינס פאַרזוכט האָט שוין סם,
און קאָפּ מיינער — קאָפּ פון אַ זקן.

צענעם איך אין ערפורכט די הענט,
אין פליסטער פון קינדישע ווערטער:
דערקען מיך ווי דו ביסט דערקענט,
ווי דו וויל איך זיין אַ דערהערטער.

דו שטורעמסט מיט גבורה און שוואונג
און שטורעמסט פאַרביי מיינע ווערטער,
בלייבט הענגען מיין אָרעמע צונג
אין קלעם פון אַ תפלה צעשטערטער.

דו שפריצסט מיר אין פּנים מיט זאַלץ,
און אָטעמסט אויף מיר מיט געוואַיע,
און איך — איך שטרעק אוים דיר מיין האַלדז
אין גוטער, אין שטילער הכנעה.

מיט אויגן פאַרבלענדטע איך זוך
די שעה זאָלסט מיך װעלן, מיך דאַרפן,
פאַר׳כשופ׳ט פון אייגענעם שפּרוך
בין איך גרייט אין דיין תהום זיך צו וואַרפן.

אַ זעץ גיט אין נאַכט מיטאַמאָל
מיט שנאה דער שוים פון די קאַמען,
נעמט אויפגיין אַ חיימישער קול:
געהערסט צו דער ערד, ניט צו ים׳ען.

דיין שוים איז פון טויט דער לבוש,
און איך בין פון לעבן געקומען,
איך טראַג אויף זיך ליכט פון אַ קוש,
און טריפונג פון וואָרט אויף מיין גומען.

אַ דו, וועמענס נאָמען איך טראַג,
אויך מיינעם נעם אויף ווי אַ זאָמען,
מיר פאָרן אַריין אין פאַרטאָג
מיט זיג אויף באַצוואונגענע תהום׳ען.

רו

דער ים שטורעמט, די זון פֿאַרגאַנגען,
די שיף שלײַדערט זיך, קאַיוטעס צו,
אין סאַמע שטורעם זוך איך אין קלאַנגען
דעם דינסטן ניואַנס פֿאַר שטילקייט און רו.

פֿון קיינעם אַנטלאָפֿן, פֿון זיך — ניט אַנטרונען,
פֿונדעסטוועגן הער איך אַ רוף: קער זיך אום.
האָב נאָך אַלץ ז י ך אַליין, ווי געטרוימט, ניט געפֿונען,
כ׳שטיי נאָך אַלץ פֿאַר דײַן אַנגעזיכט, לעבן מײַנס, שטום.

ניט ערד און ניט ים, ניט ווינט און ניט פֿײַער,
ניט טאַטע, ניט זון, ניט ברודער, ניט מאַן, —
פֿונדעסטוועגן זאָג איך: בין דײַנער, בין אײַער,
ווײַך פֿון קיינעם ניט אָפּ אויף אַ טראָט, אויף אַ שפּאַן.

פֿאַראַן אַזאַ אמת, וואָס מען קאָן אים ניט זאָגן,
אפֿילו ניט דאָ אויפֿן אָפֿענעם ים.
פֿאַראַן אויך אַן אמת — אויב מען קאָן אים ניט טראָגן,
עסט ער אויף בשתיקה דאָס האַרץ ווי אַ סם.

זײַנען זיבעציק ליגנס לײַכטער צו טראָגן,
ווי טראָגן א י י ן אמת, אַזוי ווי איך טראָג,
ווי אַ פֿוסגייער גערן שפּרינגט אַרײַן אין אַ וואָגן,
שפּרינג איך אַפּטמאָל אַרײַן אין מײַן לעצטן פֿאַרטאָג.

מיין לעצטער פאַרטאָג נעמט מיך אויף טאָקע גערן,
ער זאָלבט מיר דאָס האַרץ מיט באַגינען־זאַלב,
און ער שיקט מיך צוריק צו נאַכט און צו שטערן,
צוריק צו טאָג, צו זיין שטראַליקער האַלב.

איך קום צוריק. אויף מיין ליפּ — אַ שמייכל,
און יעדערער פרעגט: וואָס באַטייט עס, זאָג?
וואָס זאָל עס באַטייטן? — ס'איז ליכטיקער שכל,
וואָס קוואַלט אַרויס פון מיין לעצטן פאַרטאָג.

ווען דער ים שטורעמט, און אַלעמענס פּנים
צום האַר פון תהום מיט געוויין פאַלט צו,
ווען אַלעמענס ליפּן שרייען: סכנה,
גייט אויף אין מיר דאָס ליד פון רו.

אויף די כוואַליעס פון ים

אויף די כוואַליעס פון ים, ווי אַ פרייע מעווע,
צעלאָז זיך, מיין בענקשאַפט — פלאַטער, פלי,
ברעך אַדורך די וואַנט פון מיין תפיסה־טבע
און הוליע די נאַכט ביז טיפער פרי.

די שטערן ברענען ווי אויגן פון ריזן,
די שטערן ברענען גרין און רויט,
איך גיב דיר ווערטער שאַרפע, ווי שפיזן,
און שלאָג זיך מיט זיי אויף לעבן און טויט.

קרייז אַרום דאָס האַרץ פון אַלע ים'ען,
די האַרטע ברעגן — ניט ריר זיי אָן,
אַ שפּיין לבנה גייט אויף אין פלאַמען,
נעם וויקל זי פּאַנאַנדער ווי אַ זיגער־פאָן.

דער זיג איז אונדזערער — ים'יקע פרייהייט,
איך זאָג היינט אָפן: זיג האָב איך האָלט;
איך שווער אויף דאָס ניי דיר מיין שבועה פון טרייהייט,
בענקשאַפט מיין לעבן, בענקשאַפט מיין גאָלד.

אַט שפּאַלט זיך דער הימל אין זיבן ספערן,
עס הערט זיך אַ רוף, אַ בונט־געשריי,
נעם אָן דעם אַרויסרוף, גיי שלאָג זיך מיט שטערן
און וואַרף זיי אין ים, ווי אַ רויטן שניי.

איך קום דיר צו הילף, איך שפּיר אַ גבורה
צו דורכבּרעכן ווענט, צו אויפרייסן שלאָס,
כ'האָב אָנגעטאָן היינט אַ צע'הפקר'טע צורה,
איך ווער היינט מגולגל אין אַ הוליע-מאַטראָס.

גענוג שטיל געבעטן, גענוג שטיל געזונגען,
כ'וויל היינטיקס מאָל רופן אויף העכסטן קול,
כ'וויל אַרויסשרייען היינט מיינע ביידע לונגען,
און באַפרייען דיך, בענקשאַפט, אויף אַ—לע—מאָל.

האַריזאָנט

די פּאַנצער־וואַנט פֿון שיף איז שטאָליק־שטאַרק,
די שטאָליקייט איז וואַרעם, לייבלעך־נאָנט,
איך שטיי און קוק ווי ס׳כוואַליעט באַרג אויף באַרג,
ווי ס׳ברענט אין מערב־זייט דער האָריזאָנט.

דערפּיל איך מיטאַמאָל אַ צי, אַ שלעפּ,
ווי עמיצנס אַ האַנט וואָלט מיך אַ כאַפּ געטאָן,
און איידער וואָס און ווען — איך שפּאַן אויף טרעפּ,
אויף כוואַליעדיקע טרעפּ צום האָריזאָנט.

די טרעפּ — זיי ליגן זיך ווי זייד אונטער די פֿיס.
מיין ערשטער שרעק פֿאַרשווינדט. איך שטוים מיך אָן
אין וועמענס מאַכט איך בין און וועמענס איז
די האַנט, וואָס פֿירט מיך גלייך צום האָריזאָנט.

שוין דורכגעשפּאַנט די גאַנצע ברייט פֿון אָקעאַן,
די זון — זי מאַניעט, פֿלאַטערט ווי אַ פֿאָן, —
אַט באַלד, אַט באַלד, אינגאַנצן נאָך איין שפּאַן
צו אָנרירן דעם הוילן גוף פֿון האָריזאָנט.

איך שטרעק־אויס ביידע הענט, און פּלוצלונג — קוק:
די זון האָט ווי אַ לייב אַ שפּרונג געטאָן
און אָנגעכאַפּט, אין אַנפֿאַל פֿון פֿאַרצוק,
און אויפֿגעריסן ס׳גאַנצע האַרץ פֿון האָריזאָנט.

געשריי פֿון בלוט און וויי — און אויך פֿון גליק:
אַ גיכער אייל, אַ גיכער ריר מיך אָן!
צוריק ניט גיי — ניטאָ קיין וועג צוריק
פֿאַר דעם, וואָס האָט באַרירט דעם האָריזאָנט.

וואָרט און זאַכן

וואָרט ווערט דינער, זאַכן — פולער,
וואַנט וואַקסט גרעסער צווישן זיי,
קאָפּ אין וואַנט זיך שלאָגט אַ דולער —
שלאָג איך אויך אין וואַנט אַזוי.

כ׳רײַס פון ווערטער זיבן פעלן,
שאָלעכצן איך שייל און שייל,
ביז עס גיט אַ לויכט אין העלן
ס׳טיפע קערן אָפן, הויל.

און איך פריי זיך: אָט וועט קערן
גלייך אין זאַכנס האַרץ אַריין,
איך אַליין וועל דאַמאָלסט ווערן
אָט אַזאַ ווי איך חלום זיין.

אָבער ניין, געפרייט אומזיסט זיך,
אַלץ אַרום מיר — שטרויכלונג, שטער,
יעדע זאַך אין זיך פאַרשליסט זיך,
און ווערט פרעמד און פרעמדער מער.

זאַכן ווערן גרעבער, דיקער
און פאַרריגלטער אויף שלאָס,
און דאָס וואָרט אין גלות פון עיקר
בלוטיקט אָפּ ביז לעצטן אות.

האַרטער נאַקן — און גאָרניט מער

קום, מיר וועלן זיך באַהאַלטן
אין גריבער פון ערד, אין שטיינערנע שפּאַלטן, —
מיר וועלן זיך אויסציען מיט אונדזער גוף,
מיטן פּנים אַראָפּ און נאַקן אַרויף.

און מיר וועלן ניט רעדן און ניט דערציילן
פאַרוואָס מיר פאַרמויערן זיך אין היילן,
און מיר וועלן ניט פאַרצייכענען דאָס יאָר,
און ניט די תקופה און ניט דעם דור.

און מיר וועלן ניט איבערלאָזן פון זיך קיין סימן,
ניט קיין שטיקל קלייד און ניט קיין רימען,
ניט קיין שנירל־בענדל פון אַ שוך,
און ניט קיין בלעטל פון אַ בוך.

און עס זאָל אונדז קיינער ניט קאָנען געפינען
ניט אין נאַכט און ניט אין באַגינען,
און ווען אונדז אַמאָל יאָ געפינען וועט —
זאָל ער געפינען ה אַ ר ט ן נ אַ ק ן , ניט מער.

ער זאָל גאָפן און ניט באַגרייפן
פאַרוואָס מיר האָבן געמוזט אין הייל אַנטלויפן,
און וואָס איז געווען אונדזער לעצט וואָרט
אין דער טיף פון שטיינערנעם אָרט.

און ער זאָל קוקן און זיך גאָרנישט דערוויסן
צי עפּעס איז געטאָן געוואָרן מיט אונדזער געוויסן,
צי ווער האָט פאַרפּייניקט אונדזער מוט,
צי ווער האָט אומריין געמאַכט אונדזער בלוט.

צי ס'האָט אונדז געפּייניקט אַ כלו־שלעכטער,
צי אפשר גאָר אַ כלו־גערעכטער ;
דורך האַק, דורך תליה־שטריק, דורך קויל,
צי אפשר גאָר דורך וואָרט פון מויל.

און אַז ער וועט פרעגן ביים רעשט פון גלידער :
ווער זענט איר — רעשט פון שונאים, צי פון ברידער ?
וועט אַן ענטפער זיין : שטומער גרויל
און וויסער שוים אויף זיין אייגענעם מויל.

און אַזוי לאַנג וועט ער קוקן און ניט באַגרייפן,
ביז וואַנען ער וועט נעמען אין מורא אַנטלויפן
מיט אויגן אַרויס און הענט פאַרוים,
און לויפן אַזוי דור איין—דור אוים.

זיין געלאַף אַלין גרעסער — וואָס גרעסער די מורא'ס,
ער וועט לויפן אַזוי ביז סוף פון דורות, —
און מיר וועלן ליגן, ווי ביז אַהער,
אַ האַרטער נאַקן — און גאָר נישט מער.

פעברואַר אין ליבערטי

די נאַכט שפּרייט אויס אויף מיר אירע שיצנדיקע פליגל,
זי לעשט אויס אַלע פייערן און שטעלט אָפּ אַלע טריט,
זי נעמט מיך וויגן, ווי מען וויגט אַ קינד אין וויגל,
און ניט ווי איינעם וועמענס יאָרן וואַרטן שוין אויף שניט.

ווי ס'וואַרטן זאַנגען צייטיקע אויפן פעלד סוף זומער;
ווייל ווינטער אַרום מיר, פעברואַר און סאַנאַטאָריום-וואַנט —
איז זיס באַזונדער צו אַריינזינקען אין שלומער
און טראַכטן וועגן זאַנגען אין טיף-זומער-לאַנד.

די זאַנגען זיינען פול מיט קערנער אָנגעלאָדן,
זיי נויגן זייערע קעפּ אַרונטער אין באַשיידנקייט פון גליק,
איינגאַנצן זיך צו אויפליזן אין וואַרצלדיקן באָדן,
און אין קומענדיקן זומער אַרויפשפּראָצן צוריק.

דעם וואַלד פון רייפע זאַנגען ריר איך אָן מיט מיינע פינגער,
איך ריר אויך אָן דעם אונטן-פייער וואָס פאַרגייט,
און וואונדער נעמט געשען: מיין גוף ווערט דינער, גרינגער,
איך ווער אַליין אַ זאַנג צווישן זאַנגען אויף אַ ביים.

אַ ווינטל שלענגלט זיך דורך אַ גלעטנדיקער קילער,
אין בלויקייט און אין פרידן דעקט די נאַכט אונדז צו; —
אַ, לאַנד פון פרידן — חלום פשוט'ער און שטילער,
עס דאַנקט מיין האַרץ פאַר בלויז אַ וואונק פון עכטער רו.

די פולע עכטע רו — וואו קאָן איך זי דערגרייכן ?
איך רעד זיך איין אַמאָל, אַז איך געפין זי דאָ,
צווישן די, וואָס פיין איז זייער יחוס-צייכן,
און זייער שטאָלץ — די זויבערקייט פון לעצטער שעה.

אנטלויף איך אפט אהער אין קעניגרייך פון שווייגן,
פון הויכע ווייסע בעטן און נאך ווייסערן געדולד, —
און מיטאמאל גראד דא נעמט ווי-געיאמער שטייגן,
און מיט פארדרייטער אימה ווערן הערצער פול.

ווי שפיזן, ניט ווי זאנגען, נעמען אויסזען פינגער,
אויף זייערע הייסע שפיצן דער שרעק טוט זיך א ווארף
מיט אימפעט פון א גלאק, וואס דארף פאנאנדערקלינגען
געפאר און אנגסט-געוויין צו ווייטער שטאט און דארף.

א שכן, הער איך, קלאגט זיך: מיינע ווארעמע ווערטער פרירן,
דאס הארץ פון גאט און מענטש איז שנאה'דיק און הארט,
די פינגער מיינע בלייבן הענגען אויף פארמאכטע טירן,
אזוי ווי אין א שטייג איך וואלט געווען פארשפארט.

א צווייטער זאגט: כ'וועל אויפדעקן דעם אמת און דערציילן,
ווי ליידן מאכן איינעמס לעבן מיאוס, שלעכט,
כ'קאן נעמען און צעשניידן זיך אליין אויף טויזנט טיילן
און צודעקן די וועלט מיט פינצטערניש פון טויזנט נעכט.

א דריטער שכן פיבערט: ניט פון אומרו, נאר פון סתירה
מיין לעבן ווערט פון שטענדיק און אכזריות'דיק צעפליקט,
דער זיסער קלאנג פון א פארטרויסטער לירע
דורך פיין און ווי-געשרייען ווערט מיט גוואלד דערשטיקט.

און אויף דער סאמע הויך פון ליבשאפט ריינער,
פון חבר'שאפט און רום ווערט פלוצלונג נאכט און טויט,
ארייגעגעבן אין מיין הארץ מיט שארפע ציינער
דער עלנט ליגט אויף מיר, ווי א וואמפיר צעשפרייט.

און פריינטשאַפט — וואו איז זי? — מיין האַרץ איז אָפן
פאַר פאַרוואורף און פאַר טאַדלונג און פאַר שפּאָט,
איך האָב געזען דער נאָנטסטער איז פאַרבייגעלאָפן,
און איבערגעלאָזט מיר דעם קלאַנג נאָר פון זיין טראָט.

אַ פערטער רעדט אין היץ: געבענקט נאָכן באַפרייער,
ביין צוגעפאלן מיט פאַרליבטע ליפּן צו זיין באַק,
איצט ברענען מיינע אויגן אין אַ וואַנזין־פייער —
איך האָב געזען אין גואל׳ס האַנט אַ גזלן־האַק.

אַ פינפטער גיט נאָך צו: אַ צייט פון האַס און ווילדקייט,
פון מסור און פון אונטערהעצער און צבוע׳ק;
אַ גוטע האַנט, וואָס שטרעקט זיך אויס מיט מילדקייט, —
אפילו זי נעמט פלוצלונג שלאָגן איבערן באַק.

אַ זעקסטער זאָגט: און איך וויל פאַרן טויט אפילו זיך ניט קלאָגן,
איך האַלט אין האַנט אַ בריוול ווי אַ ווייסע פאָן,
אין בריוול שטייט: — נאָך גוט וואָס דו ביסט נאָנט. איך קאָן דיר זאָגן
דעם גורל מיינעם האָב איך אָנגענומען, און אויך דו — נעם אָן.

אַ זיבעטער זאָגט: איר אַלע רעדט אין ברוך און וואַקל,
עס שפּאַרט פון אייך די אָפּגעלעבטע וועלט אַרויס,
און אַט וועל איך אַרויסרעדן אָן איינציק וואָרט: ס ך ה כ ל,
און איר וועט אַלע ווערן אויס, און אַלץ וועט ווערן אויס.

ער רעדט אַרויס, און גלייך טאַקע — געקלונג, טרעוואָגע אויף די שטיגן,
געלויף און אויפגעבראויזטער אָטעם. נאָכאַנאַנד און נאָכאַנאַנד. — — — —
איז מיר אַ שאָד דער חלום וועגן ווייגנדיקע פליגל
און וועגן בלויע אָוונט־זאַנגען אין טיף־זומער־לאַנד.

אַ ליד וועגן זיך

איך האָב געזען געשמיסענע לייבער
און בלוט איז גערונען פון זיי;
אַז איך בין געוואָרן דערנאָך אַ שרייבער,
האָב איך געשריבן לידער פון שניי.

האָבן מענטשן ליב געהאַט די לידער,
ווייל זיי זיינען געווען ווייס ווי שניי,
און מיר זיינען זיי געווען אָפּט דערווידער,
ווייל איך האָב פאַרדעקט בלוט מיט זיי.

זיינען געגאַנגען אַזוי יאָרן
און מיך האָט עס שטאַרק געאַרט,
איך בין אַ שרייבער אויף שטענדיק געוואָרן,
און דאָס בלוט אונטער שניי האָט געוואַרט.

האָב איך גענומען איינמאָל די פעדער
און אָפּגעשאַרט דעם שנייאיקן שיכט,
און דערשפּירט האָט מיט שרעק איעדער,
ווי די ערד וואַרפט אים בלוט אין געזיכט.

דאָס בלוט איז געווען נאָך וואַרעם,
ווי פאַרגאָסן אין דער לעצטער מינוט;
האָט זיך אויפגעהייבן אַ בייזער ליאַרעם:
— צו וואָס פּייניקט ער אונדז מיט בלוט?

האָבן האַרטע שטימען געשאָלטן
מײַנע לידער, געס׳ם׳ט זײ די טריט,
איז מײַן האַרץ געפֿאַלן צעשפּאָלטן
צו די געשלאָגענע פֿיס פֿון מײַן ליד.

האָבן מענטשן מיט שטעכיקע ריטער
געפּאַטשט אַראָפּ און אַרויף,
געשמיסן מיט שנאה־געמיטער
מײַנע לידערס נאַקעטן גוף.

מײַנע לידער — זײ האָבן געשריגן,
ווי עס איז שוין די טבע אין ווײ,
און געבליבן אויף דער ערד ליגן,
אָבער מער ניט פֿאַרדעקט שוין מיט שנײ.

אַז איך בין אויף שטענדיק אַ שרײַבער —
איז מײַן אמת נאָך אַלץ אין דעם,
וואָס אין בלוט פֿון געשמיסענע לײַבער
ליגט אויך מײַן געשמיסענער שם.

און אויך אַזוי מײַנע לידער,
און זאָלן זײ ליגן אַזוי;
כ׳וועל זײ אפשר ווען צודעקן ווידער,
ווען כ׳וועל האָבן אַ נײַעם שנײ.

אין אומרז

אין אומרז היינט איז אויפגעשטאַנען דער באַגינען,
דער האַלבער טאָג איז קוים צום אָוונט צוגעקראָכן,
די אויגן זיינע האָבן ווי צעררייצטע בינען
דאָס האַרץ פון אַלע זאַכן דורכגעשטאָכן.

דער אָוונט האָט גענומען זיך איינגאַנצן שפּאַלטן,
אויף שטיקער האָט דער אָוונט זיך צעשפּאַלטן,
דער מזרח האָט געפיבערט אין שוואַרין־וואָלקן,
דער מערב — אין אַ פייערדיקן קאַלטן.

האָט אויך דאָס סאַמע מיט פון הימל זיך צעריסן,
און בליצן האָבן זיך געדרייט אויף שווינדל־שרויפן,
אין תהום פון רים אַ האַנט האָט זיך באַוויזן,
אַ האַנט אָן פינגער — אַ פאַרקלעמטער הויפן.

די האַנט אָן פינגער האָט געדראָט, געוואונקען,
און איז געוואָרן דינער, דינער, בלוי־געפראָרן,
אין ווען דער מערב איז אין פינצטערניש געזונקען,
האָט זיך די האַנט צעשפּיציקט ווי אַ האָרן.

און דאַמאָלסט האָט אַ קול גענומען זינגען
דאָס ליד פון בערג, וואָס שפּאַנען איבער גריבער,
דאָס ליד פון פּים וואָס היפּערן און שפּרינגען
מיט שפּרונג פון איינעם, וועמענס זעל איז פיבער.

געזאַנג איז פיבער. שפּרייז אַריבער, שפּאַן אַריבער
אַלע וועלטן — אַלע נייע ווי די אַלטע,
געזאַנג איז פיבער. זינג אַריבער, זינג אַריבער —
ווען די וועלטן שווייגן פינצטערע און קאַלטע.

טרעפּ

איך האָב ארויסגעשיקט שיפן — זיינען זיי אַלע דערשוואומען,
איך האָב פאַרזייט פעלדער — האָב איך געהאַט שניט ;
אָבער צו דער טיר פון דיין שטוב אַז איך וויל אַמאָל קומען
פאַרפּלאָנטער איך צען מאָל אין גאַנג מיינע טריט.

די קליינע פּאָר טרעפּלעך צו דיין טיר וואָס פירן —
אין אַ ווייט אַן אומענדלעכער ציען זיך אויס,
דעם לעבעדיקסטן חלום טוען חלום׳ען טירן,
פון דער טיף פון זייער שלאָס קוקט דער חלום ארויס.

אויף דער ערשטער טרעפּ זע איך אויפגיין דעם באַגינען,
אויף דער צווייטער טרעפּ די זון פאַרגייט,
די דריטע טרעפּ קאָן איך שוין גאָר ניט געפינען,
אַ פינצטערע נאַכט ליגט אויף איר צעשפּרייט.

די פינצטערע נאַכט קוים אַדורכגעקראָכן,
אויף דער פערטער טרעפּ גייט אויף נײַ־באַגין,
צוזאַמען מיט דער זון לויכט אויף ווידער מיין בטחון,
אַ פרישע האָפענונג און אַ נייער זין.

אָבער צו דער טיר אַליין קאָן איך ניט דערגרייכן,
און אויך ניט צו דעם סוד פון פראָסטן שלאָס,
אַלץ וואָס אָרום מיר גיט אַ פלי צו נייע הויכן,
צו זעלטענע פאַרמען און זעלטענער מאָס.

מיט אַ פֿאַרריסענעם קאָפּ שטיי איך אין גאַפֿונג,
גיט זיך אַ ריר די טיר, און איך זע — דו!
טוט אַ לויכט אַ געדאַנק פֿון גאָטס ע ר ש ט ע ר שאַפֿונג,
איניינעם מיט דער פֿרייד פֿון דער גאַר ערשטער רו.

ווערט מיר קלאָר דער זין פֿון מיין אייביקן פֿלאָנטער,
דער סוד פֿון מיין בענקשאַפֿט גייט אויף אין באַשייד,
איך פֿאַרלאָז דיין טיר, דיינע טרעפּ אַ דערקאָנטער
און אַ צוגעהעפֿטער צו דער וועלטס ערשטער פֿרייד.

אינהאלט:

עפן זיד טויער — 5

אין דרעמל — 7

וואו ביסטו — 8

די הייליקע סעודה — 9

ווידער געשטארבן א שכן — 10

דארווין — 12

ראקי בערג — 15

גוט וואס קיינער ווייס ניט וואו — 16

הימנע — 17

אייביק — 18

מיין וויג־ליד — 19

לידער פון אבעלאר צו העלואיז

I זיי געגריסט — 24

II אזא גליק — 27

III העלואיז, הער — 29

IV מיינע טעג — 30

V יום־טוב — 32

VI אבעלאר'ס אוונט־תפלה — 34

הספד אויפן טויט פון א קראליקל מיט רויטע אויגן — 38

„דזשיי. סי. אר. עס„ — 41

א העלער באגינען — 42

קום צו מיר — 44

אין וואלד — 45

זיי געבענטשט — 47

שטיינער — מיינע ברידער — 48

א ווייסער חלום — 50

אויף יענער זייט בארג — 52

דער עפלבוים דערציילט — 53

קינדער צוויי — 56

איגל — 59

אונטער די פליגלען — 61

אפענע הימלען — 62

אוונט ליד — 64

טרייסט — 66

אויפן טישל שלאפט א גלאז — 67

אויפן הויכן בארג — 69

נעווערמאָר — 71
נאַכט געטריַיע — 73
פול זאָל זיין די פרייד — 75
אַזוי ווי הונגער — 76
אָ, טרויעריק — 77
זיי גרויט, דניאל, צום קריג — 79
אין טאג פון גאולה — 82
דאס ליד פון טויזנט שויבן — 84
קין און הבל — 86
די נאטור — 88
ערשטער מאי אין א צארישער תפיסה אין סיביר — 90
ערשטער מאי — ניו יאָרק, 1935 — 94
דער ליכטיקער זייער — 98
שטיינער און שטערן — 100
שפינאָזע:
I אינטעלעקטועלע ליבע — 101
II ווי קומט אהער? — 102
III ער זאָגט צו נאכט — 103
IV נישט געהערטער — 104
V נישט געזעטיקט — 105
VI מדבר — 106
VII נס — 107
VIII מענטש געגארטער — 108
IX זע ווי וויינזיק — 109
X געבענטשט געזאנג — 110
XI צוויי מאָל צוויי איז פיר — 111
איך דאנק פאר אלץ — 112
די באלאדע פון דענווער סאנאטאריום — 121
אויפן ים — 140
דו — 142
אויף די כוואליעס פון ים — 144
האריזאנט — 146
וואָרט און זאכן — 147
הארטער נאַקן — און גאָרניט מער — 148
פעברואר און ליבערטי — 150
אַ ליד וועגן זיך — 153
אין אומרו — 155
טרעפ — 156